# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 25 - may 1961 - journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/17n5z0r1

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 25(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1961

**Copyright Information**
Copyright 1961 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

## יובל נומער

# 25

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

אייר, ה'תשכ"א ~ מאַי, 1961

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


י. פ.: מזל־טוב! צום יובל־נומער 25 פון דעם זשורנאַל „חשבון“ — 3

מלכה חפץ טוזמאַן: „און איך בין געקומען צוריק“ (פּאָעמע) — 6

ישראל עמיאָט: דריי לידער — 9

מאַטעס דייטש: א. שטיינמאַנס פּרעמירטע עסיי;

רקודה פּאָטאַש—„מולד איבער תימנע“ — 10

בעריש ווײַנשטיין: „אַ נעגער ריז“ (ליד) — 16

יחזקאל בראָנשטיין: „די דערציילונג“ (יעקב זיפּערס פּרעמירטע דערציילונג) 17

אלף כץ: „דער אַלטער קאַפּיטאַן“ (ליד) — 22

ל. פיינבערג: „ביים אָפּענעם אָרון“ (ליד) — 23

אבא קליגער: „אַ שעפּעריש לעבן“ (זעלישער פּאָרטרעט) — 24

פּינטשע בערמאַן: „אַ תפילה“ (ליד) — 26

לוי גאָלדבערג: „די וועלט פֿין לוי׳ס לידער“ — 27

י. פרידלאַנד: „אַ מענטש אַ חקרן“ (דערציילונג) — 28

ז. בונין: „אויפן הר הכרמל“ (ליד) — 35

ברכה קודלי: „דאַכט זיך אַלץ איז פּשוט“ (ליד) — 36

שמעין וואוזעק: „בין אַרויס פון אַליינשאַפט“ (ליד) — 36

חנה בושעל סאָלאָוו: „אין מידבר“ (ליד) — 37

לאָטי פ. מלאך: אַ קינסטלער וואָס איז געוואָרן אַ קולט אין יידישן פּאַריז — 39

יצחק ניומאַן: „שיר השירים“ (לכבוד פסח) — 41

מענדל מלמד: טאָפּל נומער 22־23 „חשבון“ — 43

גאָלדע אַרפּין שלאָסבערג: „צוויי און אַ דריטער“ (סקיצע) — 45

א. כראַבאָלאָווסקי: נאָטיצן פון יידישן קולטור־לעבן — 47

א. שטיינמאַן און יעקב זיפּער — צו דער פייערונג פון אויסטיילן די פּריזן — 51

באַגריסונגען פֿין יידישן פּע״ן קלוב ניו־יאָרק — 52

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס—מלך ראַוויטש; מלכה טוזמאַן — 53

א. באַביטש: „פּעדער־שפּריצן — 56

משה שטאַרקמאַן: „ח ש ב ו ן“ און חשיבות — 57

באַגריסונגען צ״ם 25טן יובל נומער חשבון: אבא קליגער, סאָלאָמן קאַהאַן — 59

ל. פיינבערג, גלאַנץ־לעיעלעס — 60

בעריש ווײַנשטיין, אלף כץ, ישראל גובקין און ה. לאַנג — 61

ליטעראַרישע נאָטיצן; אַריינגעקומענע ביכער;

באַגריסונגען פון מיטבויען פון „חשבון“ — 62־68



# "CHESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY

1312 LYMAN PLACE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

# מזל־טוב!

## צום יובל נומער 25 פון זשורנאַל „חשבון״

מיט אַ באַזונדערע אַחריות פאַרצייכענען מיר עטלעכע באַמער־קונגען צו דער געלעגנהייט פון דעם יובל־נומער.

לאָס אַנגעלעס, ווי דער צווייטער גרעסטער יידישער ישוב אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, מיט איר גרויסער אָרגאַניזירטער יידי־שער קהילה; מיט איר פאַרצווייגטער אויסגעברייטערטער אַקטיווויטעט לטובת די היגע יידישע אינטערעסן, איז געוואָרן אַ שם־דבר אין יידישן אַמעריקע; אָבער... אויף דעם געביט פון אונדזער מאַמע־לשון, בעיקר וואָס שייך דאָס יידיש־געדרוקטע וואָרט, איז דער מצב זייער אַ טרויע־ריקער און מוראדיק פאַרוואָרלאָזט.

במשך דעם לעצטן צענדליק יאָר איז ל. א. געבליבן לגמרי יידיש־שטום; בעת מיר האָבן דאָ פיר יידיש ענגלישע וואָכנשריפטן, האָבן מיר דאָ ליידער קיין איינע נישט אויף יידיש, אפילו ניט קיין געדרוקט יידיש בלעטל אָדער בולעטין...

ווי אַ ליטעראַרישע פערטל־יאָר שריפט אין אונדזער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס, איז „חשבון״ אַ יידיש אינדזעלע אָדער גאָר אַן אָאַזיס אין גרויסן מידבר פון דער פאַרשפּרייטער און אַלץ פאַרכאַפּנדיקער שפּראַך אַסימילאַציע. אַרויסצוגעבן אַ יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל ביי אַזעלכע בדינגונגען, איז אונדזער פערטל־יאָר שריפט „חשבון״ ניט נאָר אַ חד במינו, נייערט אַ פענאָמען.

ס׳איז אויך ווערט צו פאַרנאָטירן, אַז אויף ליטעראַרישע אויסגאַבן, במשך די לעצטע דריי צענדליק יאָר, איז דאָ דווקא געווען אַ גרויס גערע־טעניש! אָבער ליידער האָבן זיי דאָ ניט געהאַט קיין אריכת ימים: מער ווי איין אָדער העכסטנס 4 נומערן פון אַן אויסגאַבע האָט מען נישט באַוויזן אויפצוהאַלטן. אַזוי איז עס געווען מיט דעם זשורנאַל „מעריב״, „זונלאַנד״, „פּאַסיפיק״, „ליד״, „בעכער״, „אונדזער וואָרט״ „קאַלי־פאָרניער יידיש לעבן״ א. אַ. די סיבה פאַר זייער קורץ־אָטעמדיק לעבן איז ניט תמיד געווען אַ מאַטעריעלע. צו יענער צייט האָט זיך ניט גע־פאָדערט קיין גוואַלדיקע סכומים אַרויסצוגעבן אַזאַ שריפט ווי „חשבון״. הגם דער ישוב איז דאַן געווען אַ סך, אַ סך אַ קלענערער ווי איצט, איז אָבער דער לייענער געווען אַ יונגערער, פול מיט שפּרודלדיקער ענערגיע און מיט אַ נאָענטערע און וואַרעמערע באַציאונג צום יידיש געדרוקטן וואָרט ווי היינט. הגם אונדזער ישוב ציילט שוין בערך אַ 450 טויזנט יידישע נפשות, כן ירבו! קען אָבער דער יידיש־יידישער סעקטאָר מער ניט ווערבירן, צווישן פיר, אָדער העכסטנס פינף הונדערט צוהערערס צו אַ רעפעראַט פון אַ חשובן גאַסט־לעקטאָר, יידישן געלערנטן און שריפטשטעלער, וועלכער קומט צו אונדז פון מרחקים. דאָס אייגענע קען מען דאָ דערוואַרטן פון בעלנים־אָפּנעמער אויף אַ יידיש בוך אָדער אַ יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל. איז ווען מיר טראַכטן וועגן דעם מצב

פון אונדזער שריפט, זעען מיר, אַז טראָץ די אומגינסטיקע באַדינגונגען האָבן מיר דאָך באַוויזן דערפירן אונדזער שריפט צו דער רונדער ציפער פון דעם 25טן נומער, איז עס אַוודאי אַ מדרגה און אַ גרונד צו יובלען.

איך האַלט, אַז די סיבה פון אונדזער דויער דאַרף מען צושרייבן צו דעם, וואָס מיר זיינען, קודם כל, עלטער געוואָרן און ממילא דערפאַרענער אין דעם ענין פון ליטעראַרישע אויסגאַבעס. הגם אַרויסגעבן און אָנפירן מיט אַ ליטעראַרישער שריפט דורך אַ קאָלעקטיוו פון שרייבער איז ניט תמיד דער אידעאַלסטער און איינציק בעסטער אויסוואַל: שרייבער אין זייער גאַנצן פסיכאָלאָגישן מהות זיינען ס'רוב סענסיטיוו בנוגע זייערע שאַפונגען און אויך עגאָ־צענטריש... כדי אַרום אַ זשורנאַל אָנצוהאַלטן אַ באַלאַנסירטן מצב און אויסמיידן געוויסע מכשולים און אומצופרידנקייטן מצד די שרייבער (מחמת אַזעלכע זאַכן האָבן שוין ניט איין ליטעראַרישע שריפט אומגעבראַכט אין יידישן אַמעריקע און מסתם אַנדערשוואו אויך) פאָדערט זיך, ראשית כל, פשוטער שכל־הישר; אַ דיסציפּלינירטער סדר אין דעם אָנפיר פון דעם זשורנאַל; אַ גרויסע מאָס פון אידעאַליזם, אויסדויער און עקשנות; אויסיהטן די שריפט פון פוסטער מליצה און בטלנות און בעיקר, אויפהאַלטן די שריפט מיט דרך־ארץ און חשיבות צום יידישן וואָרט. אָט די אַלע אַטריבוטן דאַרפן זיין די עיקר־שטריכן און טענדענצן פון אַ ריין יידיש־ליטעראַרישער שריפט.

מיט די ביז־איצטיקע 25 נומערן „חשבון" האָבן מיר, אַזוי האָף איך, באַוויזן אויסצוהאַלטן דעם „עקזאַמען": די שריפט איז ריין ליטעראַריש, שיין, ציכטיק אַרויסגעגעבן; אַ באַלאַנסירטער, ניט סתם צופעליקער מאַטעריאַל, נייערט אויסגעפילט מיט אָריגינעלע שאַפונגען (ניט איבערגעדרוקטע). אָט־די באַמערקונגען זיינען באַזירט אויף מיינונגען פון אַ צאָל אָנגעזעענע שריפטשטעלער און אינטעלעקטועלע לייענער.

„חשבון" האָט אויך אַן **„אייגן פנים"**; סיי אין די ליטעראַרישע שאַפונגען און סיי אין די קולטור־אַרטיקלען און כראָניק שפיגלט זיך, מער ווייניק אָפּ (אויף וויפיל ס'איז בכלל מעגלעך אין אַ פערטל־יאָר שריפט) דער פרצוף־פנים פון אונדזער אייגענער יידישער סביבה, פון אונדזערע יידישע קולטור אנשטאַלטן.

סאָלאָמאָן קאַהאַן, באַקאַנטער שריפטשטעלער, מוזיקאָלאָג און קריטיקער, האָט אין זיינעם אַ מאמר: **„קאַליפאָרניע אין ,חשבון'"** אַרויסגעבראַכט צווישן אַנדערן דעם פאָלגנדיקן געדאַנק:

„ווען מיר ווילן זיך שאַפן אַן איינדרוק וועגן אַ ליטעראַרישער שריפט, איז ניט גענוג דורכצולייענען בלויז איין נומער אירן. ס'איז וויכטיק אין אַזאַ פאַל זיך באַקענען גענויער מיט עטלעכע אירע נומערן. דאָס איז נויטיק כדי צו זען צי די שריפט האָט וועלכן עס איז לייט־מאָטיוו, עפּעס וואָס ס'איז פאַר איר כאַראַקטעריסטיש און מאַכט זי אייגנאַרטיק; אָדער, צי איז זי אַ מער אָדער ווייניקער געלונגענע קאָמפּילאַציע פון צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטן.



ווייל איך דאָ איבערגעבן מיין איינדרוק וועגן אַ געוויסן אַספּעקט פון דעם זשורנאַל „חשבון", וואָס דערשיינט אין ל. א., אויפן גרונט פון די נומערן וואָס זיינען צו מיר דערגאַנגען.

„חשבון" איז ראשית־כל אַ ק אַ ל י פ אָ ר נ י ע ר זשורנאַל. אָבער דאָס אַליין וואָלט געווען אינטערעסאַנט בלויז אין דעם זין פון זיין פּאָסט־אַדרעס, און וואָלט געווען לא מעלה ולא מוריד וואָס איז שייך זיין וו ע ר ט.

„חשבון" איז אַ קאַליפאָרניער זשורנאַל, ווייל ס'איז אין אים דאָ דער אָטעם פון קאַליפאָרניע. אָט־דאָס, וואָס איז, ווי אַ שטימונג, ספּעציפיש פאַר קאַליפאָרניע, געפינט אין „חשבון" אַן אָפּשפּיגלונג און אַן אָפּקלאַנג. עס שפיגלט זיך אָפּ אין אַ באַדייטנדיקן טייל פון „חשבונ"ס פּראָזע און קלינגט שטאַרק אָפּ אין זיין פּאָעזיע."

מיר מיינען ניט צו זאָגן, אַז „חשבון" איז שוין דאָס העכסטע וואָס מ'קען דאָ שאַפן. אָבער, ווי אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע אין דער ווייט־ווייטער פּראָווינץ, פון דעם צענטער ניו־יאָרק, האָט אונדזער שריפט שוין אַרויסגערופן גרויס אָנזען ביי דעם בעסערן יידיש־לייענער און ביי די שרייבערס און קריטיקערס.

אָפט פרעגט מען אונדז, ווי אַזוי זיינען מיר דאָך ביכולת אָנצוהאַלטן די שריפט ביי דעם איצטיקן פּאַפּיר און דרוק יקרות? אַז קיין מעצענאַטן האָבן זיך לעת־עתה ניט באַוויזן אויף אונדזער האָריזאָנט. (מיר הויבן אָן צו ספקן, צי ס'איז בכלל דאָ אַזעלכע פון דעם מין אין אונדזער פּעריפעריע). זאָל דאָ אָבער געזאָגט ווערן לשבח דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב: דער שותף צו דער אויסגאַבע און די שרייבער גופא ביים זשורנאַל, וואָס באַמיען זיך צו שאַפן אַ טייל פון דער הוצאה; און די יחידי סגולה — אָט־די געציילטע טייערע יידיש־יידן, וואָס האָבן אַחריות און ליבע צום יידיש־געדרוקטן וואָרט, וואָס חוץ זייער אַבאָנימענט, טראָגן זיי צו, פון צייט צו צייט, אַ ביישטייערונג, כדי די שריפט זאָל קענען אָנגיין אומאונטערבראָכן.

איך האָב באַרירט דעם דאָזיקן ענין אין שייכות מיט אונדזער יובל־נומער, כדי צו באַקענען אונדזער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט מיט דעם אמתן מצב פון יידיש־געדרוקטן וואָרט אין אונדזער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

דער זשורנאַל „חשבון", חשובע לייענער, איז נישט קיין צופעליקע דערשיינונג און אויך ניט קיין פרומער וואונטש פון אַ טייל בעלי־חלומות. מיט די 25 נומערן האָבן מיר קלאָר באַוויזן, אַז „ח ש ב ו ן" איז אַ יש, אַ ממש, אַ לעבעדיקע שפּרודלדיקע שריפט וואָס פילט דאָ אויס אַ באַשטימטן חלל אין אונדזער היגן קולטור־לעבן!

לאָמיר, בכן, חשובע אַחריות'פולע פריינט פון יידיש געדרוקטן וואָרט — שטאַרקן דעם „חשבון" — די איינציקע שריפט אויף יידיש וואָס מיר האָבן דאָ אין דער גרויסער צעשפּרייטער יידישער לאָס אַנגעלעס.

**און תחזקנה ידיכם!**

י. פ.

מלכּה חפץ טוזמאַן

# און איך בין געקומען צוריק...

און איך בין געקומען צוריק
צו שטעלן זיך פאַר פּיטער דעם נזיר
אין זיין פעלדזן־שטוב ביים ברעג פון פּאַציפישן ים:

„פּיטער, דו הייליקער גוי,
זע ווי קליין און איינגעבראָכן כ׳בין צוריק
פון לאַנד מיינעם דעם הייליקן געקומען.

ס׳האָט דעם זיכער פון מיין טראָט אַוועקגענומען
אַז וואו איך האָב אַ פוס געשטעלט
האָט זיך די ערד געווערט ווי געטראָטן כ׳וואָלט
אויף לעבעדיקן לייב.

און איך האָב אין די הרודעס אירע רויטע
זיך אַריינגעקלאַמערט און געבעטן: ניט פאַרטרייב!
לאָז מיך דאָ צווישן דיינע שטיינער כאָטש
ווי אַ דאָרן איינגעוואָרצלט ווערן הויל און דאַר
און אייביק גלאָצן אין דיין וואונדער ווי אַ ווינסטער נאַר.

נאָר ס׳האָט מיין לאַנד אין מיר באַזעצט אַזאַ מין גליאונג
אַז איך זאָל אָטעמען מיט פייער,
אַז איך זאָל אָפּטריפן אין אירע זאַמדן ביז
בלייבן וועט פון מיר אַ כוס אַן אויסגעליידיקטער,
וואָס געהייבן האָט אַ האַנט צו דער גלאָריע פון זינד.

האָב איך זיך פון איר צאָרן אָפּגעריסן און געלאָפן
שטעלן זיך אַצינדער ווי דו זעסט —
אַ פויגל אַ פאַרוואונדעטע אַרויסגעשליידערט פון איר נעסט —
אָט אַזאַ־אָ ווי דו זעסט.“

האָט זיך איינגעשטעלט פּיטער ווי אַלע מאָל,
ווען ס׳שטייט פאַר אים מיט שולדן אַ באַשווערטער.
געפלאַטערט האָט אויף אים זיין ווייסע לייוונטענע העמד;
אַרום זיין שטעקן האָבן צוקנדיק געבלייכט זיך זיינע פינגער—
איינס אַריבער צווייטן, ווי אַ מאַמע וואָס די הענט פאַרברעכט
האָט ער שטיל און שאַרף געפרעגט:

„מיט וואָס האָסטו, אַ יידישקע — מיין טאָכטער,
די הייליקייט פון לאַנד דיינעם פאַרשוועכט ?“



„איך בין אַרויף אויף איר ערד אַ צעהעלטע און
ס׳האָבן זיך די חושים מיינע אויפגעעפנט אַזוי ווי
קיינמאָל פריער:
איך האָב געהאַט אַ זעען
נאָך איידער אַ דערזען;
איך האָב געהאַט אַ הערן
נאָך איידער אַ דערהערן
און איך האָב געהאַט אַ וויסן
נאָך איידער, איידער אַ דערוויסן
האָב איך מיין קאָפּ פאַרריסן שטאָלצנדיק
אין אירע שטיבער, אויף די כבישן און טעראַסן.

מיינע אויערן האָבן ניט פאַרנומען דאָס געפּלאַפּל
פון אירע קינדער אויף די גאַסן.

איך האָב ביי שבתדיקע טישן שמועסן געפירט
אויף לשונ־ית פרעמדע.
אַלטע הייליקטימער האָב איך אָנגעקוקט מיט ביטול,
למאי זיי שימערירן ניט מיט שיינקייט.
אין רייד האָב איך גערעדט אי חוזקדיק אי גאַליק,
למאי עס שמעקן ניט מיט ריינקייט
די חדרים פון בית־ביאַליק.

איך האָב געטרונקען וואַסערן פון יונגקייט
און קיין ברכה ניט געמאַכט.

און ווייַ צו מיין געאיילטן טראָט,
און ווייַ צו מיין געוואַגטן שפּאַן:
איך בין מיט אירע בערג געלעגן
און געשפּיגלט זיך אין אויג פון איר שענסטן שוואַן.“

פּיטער — זיינע אויגן פול מיט טרויער
איינגעשפּיזלט אין מיין פּנים,
פאַמעלעכקע זיין קאָפּ געוויגט אַהער־אַהין,
געזאָגט האָט מיט באַדויער:

„אַזוי פיל געצנדינערייַ האָסטו געבראַכט
אין לאַנד דיינעם, אַ יידישקע, מיין טאָכטער.

נאָר דערמאָן זיך אַקאָרשט:
האָסטו אפילו איין מאָל ניט אין גוטסקייט
און הכנעה זיך געבייגן ?“

„איינמאָל.
כ'האָב אַ בינטל שטרוי געבראַכט צו טראָגן
פאַר אַ קעלבעלע אַ ניי־געבאָרן
און איינגעבויגן זיך
און אויסגעשפרייט דאָס שטרוי
אונטער קעלבלס פרישער צאַפּלדיקער נאַסקייט;
אַרום דער מאָרדעלע
האָט מיט ציטער זיך אַרומגעשפּילט מיין האַנט
און צוויי פינגער אים געגעבן אין זיין הייסן מויל.

איך האָב געוויינט אין פּנים
פונעם קעלבל אין מושב אורות (אָראָט),
און מיט אַ מאָדנער נייער פרומקייט
האָב איך פאַר עמיצן דעם „אייביקן" געבעטן
און פאַר עפּעס דעמלט טיף געדאַנקט מיין גאָט.

פּיטער — גוי דו הייליקער,
מיט די דייניקע האָב איך פיינטשאַפטן
ווי ווייַן געטרונקען,
נאָר דו
האָסט ליבשאַפטן אין מיר אַריינגעקלונגען
אָבער און ווידער, ווי אַן עכאָ,
ווען דיין דורכזיכטיקער פינגער האָט געטייטלט
אויף מיין „ו א ה ב ת ל ר ע ך — — —"
זיי זשע זיך אַצינדער אויף מרחם:
באַפריי מיך פון דעם גיהנום —
אָט־די בענקשאַפט וואָס אין מיר.

אויב דו האָסט ניט אַזאַ שפּרוך
אַרויסציען דעם פייער פון מיין האַרצן,
טאָ נעם דיין שטעקן דעם געשניצטן ווי אַ טאָטעם,
און שלאָג אַרויס פון מיר דעם ברענענדיקן דאָרן,
און יאָג אַרויס פון מיר
דעם פלאַמענדיקן אָטעם."

אַזוי האָב איך גערעדט צו פּיטער דעם הייליקן גוי.

ישראל — סאַן ראַפאַעל, קאַליפ., 1960



ישראל עמיאָט

# ד ר י י ל י ד ע ר

1.

ס'טרעפט אַז אויך אין אָב פאַלט אַמאָל צו אַזוי די נאַכט,
ווי אַ ליילעך אויף אַ גוסס־פּנים,
ס'האָט פרי ווער האַרבסט געמאַכט, פון זייערע קברים
שרייען בלומען אַרוים: מיר לעבן דאָך נאָך!

און די וועלט איז פול געוויין ווי אויף אַ שווערן בראָך.
ווי קוילן פאַלן פייגל פון אַלע צווייגן אַראָפּ,
אין אַזאַ נאַכט צילט די וועלט זיך אין איר אייגענעם קאָפּ,
שוואַרצע טייכן רינען פון אירע שלייפן.

2.

לייען דאָס פעלד און זע: כ'בין אומרואיק געוועזן,
האָב איך הייזלעך שורות אין דער קרום צעוואָרפן,
וואַסערלעך קליינע — כ'האָב דאָ טינט פאַרגאָסן
און נאָך די הייזלעך,ביימער — לאַנגע אויסרוף־צייכנס
מיין ווייטיק אויסצושרייען.

3.

אין דרויסן ליגט דער ווינט געשאָכטן שוין,
טויטע פינגער זיינע מאַכן נאָך אַ קרייז
און קראַמפן אַ בינטל בלעטער געלע איין
אַ פולע פויסט.

מיין טרויער איז ערשט פון אַ בוים
וואָס בויגט זיך קרום פון אַ הויך
איבער אַ נידעריקן פלאַך אַראָפּ,
ווייטיקדיק אַזוי,
שטיל אַזוי . . .

**מאַטעס דייטש**

# וועגן אליעזר שטיינמאַנ׳ס עסיי: „דער נס בעל־שם־טוב״

(בשייכות מיט דער פרעמירטער עסיי פון דעם י. פרידלאַנד ליט. פאָנד)

## שטריכן און ציטאַטן — אַן אָפּשאַץ

דער היינטיקער באַשיידענער יום־טוב איז אַן ערשטלינג אין זיין מין כאַראַקטער, ביי אונדז אין לאָס אַנגעלעס. ס׳איז אַ סאָרט מיניאַטור שמחת־תורה. דעריבער האַלט איך אַז איר מוזט וויסן מיט וואָס פאַר אַ חלק פון דער תורה מיר פרייען זיך היינט; מחמת זיך פרייען אַבסטראַקט, דאָס הייסט, ניט וויסן דעם מאָטיוו, דעם טעם פון דער זאַך, אַרום וועלכער די שמחה קומט פאָר, וואָלט געווען ניט מצווהדיק. דעריבער איז נייטיק געבן אייך צו פאַרזוכן פון דעם מאכל, פון דער שאַפונג, כדי איר זאָלט זעען און פאַרשטיין דאָס ווערט פון אַזאַ ביטראָג, דעם תוך פון אַזאַ עסיי.

קיין שום קינסטלער קען ניט שאַפן אָן אינספּיראַציע; פּונקט אויך אַזוי איז פאַר אַ פאָלק אוממעגלעך אָן אינספּיראַציע צו לעבן.

דער בעל־שם איז געווען די אינספּיראַציע פונעם פאָלק; ער איז געווען זיין באַגייסטערונג — זיין נס פון לעבן.

זייער פיל יחידים, דערהויפּט קינסטלער, האָבן געשאַפן דאָס געשטאַלט בעש״ט; נאָכמער, דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיטגעהאָלפן, לעגענדאַריש, צו שאַפן דאָס געשטאַלט פונעם בעש״ט.

אָט־דעם דאָזיקן קאָנקרעטן אמת באַווייזט דער שריפטשטעלער און דענקער, דער אייגנאַרטיקער חסידיאָלאָג, אליעזר שטיינמאַן, אין זיין עסיי: „דער נס בעל־שם־טוב.״

דער נס בעל־שם־טוב, ווי אליעזר שטיינמאַן באַשאַפט אים פאַר אונדז אין שריפט פּון געדאַנק, בילד און חסידישן דרך, חסידישן נוסח און אין דער חסידיש־גייסטיקער אויסגעחלומטקייט, איז פאַר זיך גופא אַ גרויס קונסטווערק, ממש אַן אַנטפּלעקונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור; שוין דערמיט אַליין, וואָס שטיינמאַן, זייענדיק דורכאויס דער העברעאישער שרייבער, באַווייזט ווי פרוכטבאַר, עלאַסטיש יידיש איז, הן וואָס איז שייך דער טערמינאָלאָגיע און דעם חסידיש־סטיליסטישן פאָלקלאָר, ווי אויך דעם אידיאָמאַטישן נוסח וואָס דער ביז גאָר פייערלעכער חסיד שטיינמאַן לייגט אַריין אין זיין סטיליסטישן יידיש — עס איז אין לשער אַ גרויס געווינס לגבי דעם לשון; און הן דעם טעמפּעראַמענטפולן פלאַם וואָס אַזאַ שפּראַכמייסטער באַווייזט די פּאָטענץ וואָס לשון־יידיש פאַרמאָגט אויף אָנצינדן אין זיך די יינגשאַפט כוחות וועלכע זיינען מסוגל אויפלייכטן מיט איין פּאָעטיש שוועבעלע, אַזאַ אַלטן בעל־שם־טוב מאַטעריאַל, וואָס איז אַזוי אָנגעפּראָפּט מיט דער עשירות פון עטלעכע דורות פאָלקס־לעגענדעס און היסטאָרישע פאַרשונגען פּונעם אַמאָל, און אויך אים צוגעבן אַן אָפּגעפרישטן אינהאַלט מיט גאָר זיין גאַנצער נגינה און מוזיקאַלישער טעמפּאָ אין אַ שפּאָגל נייער שפּראַך־כלי.

דער גאַנצער אופן ווי דער עסיי איז געבויעט און געשריבן איז אַן און פאַר זיך אַן אויפלויכט! אַן אַרויפגעשאָסענע ראַקעטע וואָס צעשפּריצט זיך אין אַלער־



ליי קאָלירן, אין כל המינים אוזאָרן; ממש אַ קאָמעט וואָס קרייצט אַדורך דעם חסידישן הימל פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט.

דער עסיי איז אַן עמוד האש.

שטיינמאַן עליל־מינירט אונדז מיטן גרויסן ליכט פון בעש״ט אַזוי פלאַמיק, אַז מיר ווערן אַליין צעליכטיקט ווי אָנגעצונדענע לאָמפּן — אמתע צעפלאַמטע חסידים. ער היפּנאָטיזירט אונדז בעתן לייענען, נישט נאָר מיט זיין סטיל, נאָר דער עיקרשט: מיט זיין פּאַנאָראַמישער בילדלעכקייט פון דער עסיי ווי אַ תוכיק ווערק, וואָס איז אָנגעפילט מיט אינהאַלט־לערע פון בעש״ט.

מיר זאָלן עס וויסנזיין מיט עכטער וויסנהאַפטיקייט, אַז אויף חסידות טאָר מען ניט קוקן פון א־יסנווייניק, נייערט, טיף פון דער סאַמע אינעווייניקייט אַרויס.

טאָ לאָמיר, זייט מוחל, צוזאַמען מיט שטיינמאַנען, זיך אָנגורטן און אַריינקוקן אינעם ליכט־ים וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיך דעם דאָזיקן פענאָמען: חסידות; טאַקע ווי עס האָט אים מחדש געווען דער מלך החסידות אַליין — רבי ישראל בעל שם טוב. דער גרויסער נס וואָס האָט געבראַכט ליכט צום דערשלאָגענעם פאָלק און אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע פון פּאָעטן און שריפטשטעלער, זיי זאָלן שאַפן פאַטאָסדיקע ווערק וואָס האָבן אָנגעזעטיקט דאָס פאָלק מיט ביטחון און דעם געגעבן שיינע דערהייבנקייט.

און איצט עטלעכע אויסצוגן פון דעם עסיי:

„גרויסע מענטשן זיינען רעטענישן, האָט אָבער יעדע רעטעניש איר שליסל, ווי יעדער חלום זיין פּתרון.

„אַ הויכער דעמב ביז אין די הימלען אַריין, אָבער ווען און וויאַזוי ער האָט אַרויסגעשפּראָצט און זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, פון וואַנעט האָט ער אָנגעזויגן אַזוי פיל זאַפטיקייט און וועלכע ווינטן האָבן אים אויסגעקושט מיט זייערע גן־עדן ריחות? אַן אָרעמע סביבה — ער אָנגעלאָדן מיט גייסטיקער רייכקייט. אַרום חשכות — און ער אַזוי צעליכטיקט.

„ער איז געווען איינמאָליק און דערפאַר האָט זיך זיין השפּעה צעשפּרייט און צעגאָסן אַזוי אויסנאַמיק . . .

„אַ היימישער איז ער געווען איינמאָליק און דערפאַר האָט זיך זיין השפּעה צעשפּרייט און צעגאָסן אַזוי אויסנאמיק . . .

„אַ היימישער איז ער געווען אומעטום, לויטער ווי אַ קוואַל, שנעל ווי אַ שטראַל, לויכטנדיק ווי אַ פאַקל, צאַרט ווי אַ פידל, אייליק ווי אַ בליץ, טיף ווי אַ ברונעם, וואַרעם ווי אַ טרער, און אַזוי ווי זי, זיס און חיותדיק . . . אייניק און אַליייניק און דאָך מיט דעם פאָלק אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן. פאָלק איז געווען זיין צאַפּל, דעריבער איז ער געוואָרן טייער און ציטעריק ביים פאָלק ווי אַ שוואַרצאַפּל.

„אַלע אַרום אים אבלים און ער אַ חתן — אַ חתן פון שמחת־תורה . . . יידן חסידים האָבן שלום געמאַכט מיט דעם עולם הזה, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרויסער אַחדות — אַן אַחדות פון לאָמיר אַלע אינאיינעם פריילעך זיין.

נעמען מיט כוח דעם יצר־הרע איז אויך אַ יצר־הרע, אַ הייליקע תאווה איז אויך אַ תאווה. וואו תאווה דאָרטן איז בראָך. . .

„ווער נאָר ס׳האָט אַ לעק געטאָן פון משיחישן וויין האָט אַראָפּגעבראַכט אַ ווילדע שיכרות . . . אַ ביטערן סם אַריינגעגאָסן אין די נשמות . . . אָבער

אין דעם בעל שמ׳ס תורה איז דער דאָזיקער טראָפּן מגולגל געוואָרן אין אַ „לחיים" — לחיים יידן, לחיים ברידער, לחיים איצט און לחיים תמיד, לחיים טאַקע שוין!

„. . . חסידות איז אַן אינטימע לערע און אַן אינטימער שטייגער־לעבן. דער בעל־שם, איר גרינדער, איז געווען דער אינטימסטער ייד פון אַלע דורות וואָס נאָך דעם חורבן. פון זיין ליכטיק פנים האָט אַרויסגעשיינט די צורה פון פאָלק; אין זיין עגלה מיט די סוסים, וועלכע איז געלאָפן ווי אַ הימלישער בליץ איבער טאָלן און בערג צו ראַטעווען און געבן אַ תיקון אַ נשמה, איז געווען אויסגעזעצט פאָרנדיק דאָס גאַנצע פאָלק . . .

„דער בעל־שם איז אויך פאַר אונדז אין איצטיקער צייט אַ לייכטזייל, ווי חסידות איז אַ וואָרענונג און הבטחה: וויל נאָר, געלוסט נאָר, און ניסים פאַסירן אין אַלע צייטן."

* * *

# אַ ביכל לידער אויסגעשפּילט ווי אויף אַ פלייט

## (דיקודה פּאָטאַש: „מולד איבער תמנע")

ריקודה פּאָטאַש איז יחסנות פון פּאָעטישן טרויער. זי שפּילט אויס אירע לידער ווי אַ פלייטיסטין. זי צעזייט אותיות אין די לידער ווי די שטערן אין הימל זיינען צעשאָטן... אַוודאי זיינען דאָ אַסטראָנאָמען וואָס ווייסן דעם גאַנג און דעם זין פון דער שטערנשריפט; צי די אַסטראָלאָגן וואָס קענען דעם מ י י ן פון די שטערן־מזלות וואָס לייכטן איבער אונדזערע קעפּ; זיי לייענען זיי אַרויס און גיבן דעם מענטשן זייער באַשייד פאַר אים.

אַמאָל טרעפן זיי צו דעם מענטשן אַקוראַט און ער גלייבט שוין אַ מאמין אין דער אַסטראָלאָגיע.

ניט אַזוי איז עס מיט דעם שרייבער וואָס שרייבט איבער אַ בוך; ער איז ניט אַזוי באַגלויבט ווי דער אַסטראָלאָג...

ריקודה שרייבט עקספּראָמפּט; אַזוי גיט זיך איבער דער איינדרוק פונעם צעשויבערטן ווערטערלייף פון אירע לידער; זיי זיינען איינמאָליק אָנגעשריבן און אויף שטענדיק אַרויסגעשיקט אין אַזאַ צושטאַנד אין דער וועלט אַריין. זי איז ווי אַ רעגנשפּריי בעת די זון שיינט אַרויס פון צווישן די וואָלקנס — אַזוי פאַלן זיי אַרויס די טראָפּנס און אַזוי זיינען זיי צו אונדז געקומען און פאַרפאַלן; ענדערן קען זיי קיינער ניט; און אפשר טאָר מען זיי גאָרניט ענדערן; משנה זיין זייער באַשערטקייט . . .

ס׳איז אמת, אַז מיר זעען ביים לייענען ריקודה׳ס לאַבאָראַטאָריע. איז עס אַ חסרון? ווי ביי וועמען און ווי פאַר וועמען. מיר דאַכט זיך אַז אירע לידער פליען אַרויס ווי טויבן ווען מען מאַכט אויף דעם טויבנשלאַק...

זי איז געבענטשט מיט דיכטערישע בליצן; און בליצן האַלטן זיך ניט אויף צו לאַנג, כאָטש זיי ווידערהאָלן זיך.

מיר זעען קיינמאָל ניט ווי גראָז וואַקסט, נאָר ווי ס׳איז שוין דאָ אין דער אויסגעוואַקסנקייט. פאַרוואָס ניט אַזוי מיט אַ ליד?

דאָס בוך האָט צופיל סימנים פון „מאָזלען"; ס׳איז מיט אָן אַ שיעור דרוק־פעלערס און פשוטע אָרטאָגראַפישע גרייזן; אויך אַזוי אין דער פונקטואַציע.



נאָר געגנוג מיט טענות און טרוקענע אָפּפרעגן; אינעם פּאָעטישן תוך פון איר ליד װעלן מיר זיך אַריינלאָזן:

זי איז נאַציאָנאַל אין איר טעמאַטיק און מאָטיוון; מאָדערניסטיש אין איר אָרנאַמענטיק און פרעציז מיט איר קלאַפּערגעצייג. דאָ וואו איר ליד איז ניט בלויז מיט אימאַזש אַליין, נאָר לענט זיך אָן אויף אידייע און בילד, זעט מען עס געטראָגן ווערן אויף אירע אייגענע פּלייצעס — אַ חדר־ייִנגל אויף די אַקסלען פונעם באַהעלפער...

גאָר אין אַ סך לידער פאַרמאָגט זי דעם עפרות־זהב פון שרה בת טובים. ווי אין די לידער: „אַ תהילים צווייגל", „רעקוויעם", „דאָס גאָלדענע ליכט פון איינזאַמקייטן"; „מיין מאַמע שרייבט אַ בריוו", „די באַלאַדע פון הינדל חנה׳ס תפילה" און די „אָדע צו מיין טאַטנס אַכציק יאָר."

מען דאַרף זיך אַריינציען אין איר דין ביכעלע און וואוינען דאָרט כאָטש עטלעכע טעג צייט; ווייל נאָר אַזוי וועט מען פון דאָרט אַרויסקומען מיט גאָלד־שטויב אויף די ברעמען...

„די איינזאַמקייט גיט מיר זיידענע לאַטשן;
אַ האַרפע פון שווייגן הענגט אויף מיין וואַנט."

דאָס ביכל איז איינגעטיילט אין פינף טיילן: „תמנע; רעקוויעם פאַר מיין ברודער מרדכי; ווייסער צוויט פון איינזאַמקייטן; פון מיין קאַרשן־צוויט און ווידמונגען."

דאָס וואָס זי האָט אויסגעוויילט „תמנע", דאָס אָרט פון שלמה המלכס קופּער־מינעס, איז שוין נאַציאָנאַל, טעמאַטיש ניי. היינט מאָדערן? דאָס באַשטעטיקן בלויז די קעפּלעך פון אַ סך לידער: „קאָנטאַטאַ, קופּערנע אָווערטורע, אַ שוואַרצער אַקוואַרעל, אַ גוואַש פאַרטרעט פין בוים, טאָקאַטאָ און פוגאָ."

אַ סך לידער אין דער אָפּטייל „תמנע" זיינען אַן אָפּפריש מיט דער נייקייט, סיי מיט זייער געמעל און סיי מיט זייער פּאָעטישער שפּירעוודיקער אייפגעאַנט־קייט. בכלל איז עס אַ פאַרמעסט פון אַ היינטצייטיקער פּאָעטעסע צו אויפלעבן דיכטעריש דעם „טויטן גייסט" און דעם היסטאָרישן אָטעם פון אַ שוועבנדיקער לעגענדע וואָס פלאַטערט מיט גלאָרישע פליגל פון איצט אין פון אַמאָל, אמתדיק איינציייטיק...

„אין רעד וויסטעניש
פון דיינע מכרות (מינעס)
דאָ וואו די זיילן פון שלמהן
שטורעמען מיט גבורה,
קנפּט מיך אַריין

און מיש מיך אויס,
מיט זייער אוראַלטן קיזל
זאָל מיין בלוט מיט שטיין זיך ריזלען
מיט די אויסטערלישע קיזלען —
לאָז מיך בלייבן האַרטנעקיק
עקשנותדיק."

און אַ צווייט ליד ענדיקט זיך ביי איר אַזוי:

„איז אַלט געוואָרן
דער מולד—

האָט ער זיך אַליין
מיט זיין דינער שווערד געקוילעט."

אַ שטימונגספול ליד איז „טויבן איבער תמנע". עס האָט דעם ריטעם פון

דעם הגדה'דיקן „דיינו". דאָס ליד „רעקוויעם" פאַרענדיקט זיך מיט דריי שורות, וואָס זיינען בילדעריש־פּאָעטיש אויסגעגאָסן ווי אַ קופּערדיקער באַרעליעף:

„אַ נאָדל־בוים פּנוויטנס
נייט ווייסע בגדים
פאַר דער געשטאָרבענער זון פון מיין ברודער."

דאָס גאַנצע ליד איז פול מיט אבלותדיקער ליריק; די דיכטערין גיט איבער די געבערגטע אַרומיקע לאַנדשאַפט פון גבעת שאול; די זון, דאָס טייכל; זי מאַכט אַ טרויער פון צוויי טויטע; דעם ברודערס און דעם מלך שאול'ס:
„דער זעלבסטמאָרד פון אַ שפּיגל אין אַ שפּיטאָל" איז אַ ליד מיט אַ נאַראַטיווער פּאַרכאַפּטקייט; זי איז זייער דעסקריפּטיוו און עס געלינגט איר אפילו אריינפירן אימפּראָוויזאַציע. זי פאַרמענטשלט דעם שפּיגל:

„אַן אַלטער, אַן ענגלישער, אַן אויסגעזוכטער,
מיט אַ שיינעם רעם,
אַביסל אַ געפּאַקטער אויפן פּנים."

צי למשל אַזאַ בילדערישקייט:
„דער שפּיגל האָט געכאַפּט די זון
פאַר די בלאָנדע צעפּ!

דאָס איז די שוועסטער פון לאַטרון.
ער קושט זי אין די האָר;
אין איר תבואה־קאָפּ."

דאָס גאַנצע ציקל לידער: „ווייסער צוויט פון איינזאַמקייטן", זיינען אַ קאָלעקציע פון מאָלערייען. איך וועל ציטירן כאָטש איין ליד:

## אַ ציי כענונג

„כ'האָב געזעען אַן אַלטן מענטשן דרעמלען אויף אַ שטול
און אַלע פעלדלעך פון זיין פּנים
קריצן זיך נאָך טיפער, טיפער—
אַ רויטער אָנלען אונטער זיין קאָפּ;
אַן אַרכיאָלאָגישער שטיינערנער ציפער...
זיינע הענט מיט בלויע אָדערן געוועבט
ליגן ווי צוויי פליגל נאָר צום פליען...
און ס'שוועבט אַרום אַ שאָטן די אַלטקייט אויפצובליען."..

איך האָב באַמערקט אַז ס'איז כדאי זיך אַריינציען אויף עטלעכע טעג אינעם דינעם ביכל; איך האָב אַזוי געטאָן. איז ווייל אַזוי האָב איך טאַקע אויסגעפונען אַז די גאַנצע סעריע לידער: „דאָס גאָלדענע ליכט פון איינזאַמקייטן", געפינט זיך גאָר ניט אינעם אינהאַלט. עס איז אויסגעלאָזן און עס דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן צו דער פאַרנאַכלעסיקייט וואָס האָט דורכגעלאָזט און גורם געווען פאַרשיידענע גרייזן.
אין אָט־דער סעריע לידער געפינען זיך עמקותדיקע מעדיטאַציעס, לירישע שטיקער משלי, וואָס די פּאָעטעסע שטראַלט אויס פון זיך; און כאָטש זיי זיינען איינזאַמקייטן, זיינען זיי פאַרקרייזט אין אַ גאָלדענער ראָם פון דערהייבענער דיכטונג:



„ווערסטו קומען אויף מיין שוועל
וועלן שטיין די ווייסע שיך פון איינזאַמקייטן
און אַלע שעה'ן וועלן זיין אָנגעטאָן אין זומערן
וואָס זיינען נאָך ניט געבוירן . . .
אויף אַ האַרפע פון אַ בוים
וועט שפּילן אַ ווינט אַ מינוועט". . .

אָדער אַזעלכע דערהייבענע פערזן וואָס זיינען פול מיט פשטות און תמימותדיקער ליריק פון אַ צעבראָכן האַרץ און פון אַ צאַרטער דיכטערין:

„שטיינער פון איינזאַמע בערג,
דאָרט וואו ס'וואוינען שאַקאַלן און וויינען;
בערג וואָס קאָנען נישט גיין פון זייער אָרט,
קומען מיינע אומעטן און טראָגן זיי,
טראָגן זיי אַריין אויף מיין שוועל". . . .

אַן אָנרעגנדיק ליד איז „מיין באַרג פון ירושלים." ס'איז ווערט צו באַווייזן די שיינקייט וואָס רוט אין פשוטע פערזן:

„מיין באַרג איז אַ באַרג פון שטיינישן פליש,
ער וואַקסט אין ירושלים באַזונדער."

— — — — — — — — — — — —

„די זון קומט דאָ זיצן,
די שטערן מיטן זילבערנעם וואָגן;
די לבנה נייט אויס אַ פויגלס אַ קול."

דאָס אָריגינעלע ליד: „מיין מאַמעס שיך", האָט שוין יעקב גלאַטשטיין ציטירט שרייבנדיק זיין איבערבליק איבער דעם זעלבן בוך. ווייטער וואָלט כדאי געווען עס דאָ צו ציטירן אינגאַנצן.
דער אָפּטייל „פון מיין קערשן־צייט", וואָס עס איז אויטאָביאָגראַפיש, איז מיר זייער געפעלן די צאַרטקייט אינעם ליד „מיין שוועסטער." דאָס ליד ווי די גאַנצע סעריע בכלל, איז מיידלש, עפּעס פון אַ קינדישער וועלט; אַלץ איז מיטן געפּליסטער פון מיידלשער מודה אני; מיט אַקאָרדן פון קלאַווישן, וואָס שפּילן אויס שאָפּענס נאָקטורן באַגלייט אויף אַ פלייט.
צום סוף:
סע וואָלט אָסור געשאַדט ווען די העברעאישע ווערטער וואָלטן געווען מיט נקודות. שוין דער טיטל פון בוך גופא: „תמנע" פאָדערט עס; בפרט ווען דאָס וואָרט איז נישט פון די פּאָפּולערע תנ"כ'ישע ווערטער.

---

## פריינט און לייענער פון „חשבון":

טוט אייער קולטור־חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון".

---

בעריש ווײַנשטיין

# אַ נעגער ריז

אַ נעגער־ריז ווי פון עוג־מ׳גאָג —
בלויז דו, וואַן־גאָג,
האָסט דעם טרויער און די פאַרבן פאַר אים.
נעם אים אַרויף אויפן לייוונט.
שטעל אים אַוועק, ווי איך האָב אים געזען,
אין האַלבן פאַרנאַכט
אויף אַ גאַס אין דזשאַמייקע.
האָסט דאָס געלס, דעם בראָנדז פאַר זײַן קראַפט,
וואָס שפּרינגט אום האַרט איבערן גאַנצן לײַב.
מאָל אים אויס אַן איבערגעוואַקסענעם;
הויך, אַזש ביז צו גאָט.

צייכן אים אין אַ צעפּלאַטשט געזיכט
מיט צוויי זאַפטיקע קנאָכנס;
אַ פּאָר טיפע ווײַסלען מיט ווײַנשלדיקע אויגן
און צעפּיר אַביסל טרויער דאָ און דאָרט.
אין הינטערגרונט שטעל־צו אַן אַלטע שענק
אָנגעפּילט מיט ביר און געדיכטן רויך.
ר׳איז נאָר־וואָס אַרויס פון דאָרט
אַ צעקנעפּלטער מיט אַ שיכורן בויך.
אײַן זאַך—
זײַן שאָטן ציט זיך אויף דער גאַנצער זון
ביז נאָכן טראָטואַר.

גיב אים צו
עטלעכע רויטע שניטן אויפן פּנים;
רויטע ריסן אויף בײַדע הענט.
נישט מיט קיין מענטשן —
ער שלאָגט זיך מיט אײַזן און מיט קייטן
און זעט אויס ווי נישט פון דזשאַמייקע,
נאָר פון די בריענדיקע, שטעכיקע פלאַנצן
אין אַפריקע,
וואו ער האָט אויף לײַבן זיך געוואָרפן
און זיך אומגעקערט פון ווילדן טאָג
אין אַלע פאַרבן פון וואַן־גאָג.



יחזקאל בראָנשטיין

# די דערציילונג

(אין שייכות מיט „דאָס אמתע בילד״, פון יעקב זיפּער,
פּרעמירט פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד)

(עסיי)

צווישן די אומצאָליקע ניט־געשריבענע געזעצן פון דער בעלעטריסטיק, ווי בכלל אין יעדער פאָרם פון דער וואָרט־קונסט, איז פאַראַן איין געזעץ וואָס איז חל און דאָמינירט די מענטאַליטעט פון יעדן אַחריותפולן שריפטשטעלער מיט טאַלאַנט. און דאָס איז: דער באַוואוסטזיין, ווען און וואו אַוועקצושטעלן אַ פּונקט ביים שרייבן, כדי ניט אַריינצופאַלן אין ווידערהאָלונג און חלילה ניט איבערפירן די דערגרייכטע רעזולטאַטן פון זיין טעמאַטיק, וואָס מוז און זאָל זיך פאָרמירן אין הסכם מיט דעם קאַרדינאַלן פּרינציפּ: צו דערגרייכן אַ מאַקסימום אין איכות, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ מינימום אין כמות.

אונדזער היינטצייטיקע חורבן־ליטעראַטור, וואָס באַשטייט מערסטנטיילס פון דאָקומענטאַלער און קולטור־היסאָרישער כראָניק, האָט, אָן יעדן ספק, פון זיך ביז איצט אויך אַרויסגעוואָ־נדערט אַ גענוגענדע צאָל בעלעטריסטישע און האַלב בעלעטריסטישע ווערק; אַ גרויסע און רייכע צאָל פאָעמעס, אפילו רייפע לידער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר, ביי אַ געהעריקן אָפּקלייב, אַ קאָלאָסאַלן, קאָלעקטיוון בנין פון קינסטלערישע איכה־מאָטיוון; דערגרייכונגען, וואָס האָבן אָבער ליידער נאָך נישט דערגרייכט קיין פולן קינסטלערישן אויסדרוק.

עס טרעפט אָבער ניט זעלטן, ווען אַ טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער שלאָגט אָן אין זיינער אַן אַרבעט פון דער חורבן־טעמאַטיק, אַן אינדיווידועלן טאָן, וואָס צווינגט דיך ממש צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, און טאַקע אויך אַ טראַכט טאָן אין דער הויך וועגן זיין קינסטלערישער דערגרייכונג.

יעדע דערציילונג, ווי אַ פאָרם אין דער וואָרט־און־שרייב־קונסט, מוז האָבן אַן אָנהויב, מיטן און אַ סוף, אין דעם לבוש פון אַ שפּראַך וואָס מוז זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר דעם וואָס לייענט איר, באַלד, נאָך דעם ווי זי גייט איבער פון דעם רשות היחיד—דעם שרייבער, אין דעם רשות הרבים—דעם כלל.

די טענדענץ פון דער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, די דערציילונג אַריינגערעכנט — באַדאַרף, מ׳ז און זאָל זיין, צו שטיין אויף אַ באַשטימטער עטישער הויך, וועמענס אוממיטלבאַרע אויפגאַבע באַדאַרף זיין, אַרויסצופּערלען פון דעם באַטרעפנדיקן העלד פון דער דערציילונג דאָס סאַמע בעסטע און גוטע, אויף אַ הינטערגרונט, וואָס זאָל זיין כאַראַקטעריסטיש און מוסטערהאַפט פאַר דעם מין מענטש אין אַלגעמיין, אין זיין שטרעבונג צו אַ לעבן פון יושר, אין דעם פאַרהעלטניסמעסיק קורצן שפּאַן פון זיין לעבן אויף דער ערד, און ער טאָר אַבסאָלוט ניט פאַרשעמען זיין באַשעפער, אין וועמענס געשטאַלט דער מענטש—דער פּרט—איז געשאַפן.

אונטער יעדער געשריבענער אַרבעט, אין וועלכער פאָרם זי זאָל ניט זיין געשריבן — מ׳ז פונקציאָנירן די פּערזענלעכקייט פון אַ שעפערישן שריפט־

שטעלער מיט וויזיע און פאַרנעם, וואָס מאָדולירט זיין פּערסאָנאַזש און דאָמינירט די אַקציע אין דעם באַטרעפנדיקן ווערק זיינעם, אין דעם ליכט פון זיין וועלט־באַנעם, אויף אַ הינטערגרונט פון שיינקייט און מעשים טובים. דער באַטרעפנ־דיקער שרייבער מוז און באַדאַרף קענען פאַר׳פנימ׳ען דעם כאַראַקטער פון דעם העלד פון זיין דערציילונג צו אַזאַ גראַד, אַז ער זאָל אָטעמען מיט דעם לעבן פון אַ מענטשן וואָס באַדאַרף זיין ניט נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר די מיטמענטשן פון זיין צייט און זיין דור, נאָר ער מוז אויך אומבאַדינגט אין אים אַריינצויבערן דעם פּערל פון אַן אייביקן ווערט אין דער ליטעראַטור, וואָס אידענטיפיצירט זיך אין ווערק וואָס זיינען דויערהאַפט און אָנרעגנדיק גענוג מיט זיי זיך צו פאַרנעמען; מ׳זאָל זיי קענען לייענען און הנאה האָבן פון זיי אויך אין אַ שפּעטערדיקער תקופה אין דעם וויטן עתיד, ווי מיר באַגייסטערן זיך היינט־צו־טאָג למשל, מיט די ווערק פון צערוואַנטעס, טאָלסטוי, פּרץ, ביאַליק און גאָר אַ סך אַנדערע שריפט־שטעלער.

אַרויסגייענדיק פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט, באַמי איך זיך דאָ, אָפּצושאַצן און אַנאַליזירן די דערציילונג פון י. זיפער, פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, א. נ.: „דאָס אמתע בילד״, געדרוקט אין די גאָלדענע קייט, נומער 36, תל־אביב, ישראל.

י. זיפער איז דער מחבר פון צוויי פּראָזע־ביכער, פון וועלכע זיין „געווען איז אַ מענטש״, מעשיות וועגן בעש״ט — טיילט זיך אויס ווי דער זעלטנסטער צושטייער צו אונדזער קינסטלערישער פּראָזע ליטעראַטור, מיט זיין דורכאויס פּאָעטיש־קינסטלערישער שיינקייט, וואָס איז אַבסאָלוט וואָגיק מיט זיין דויער־האַפטן, אייביקן ווערט, און איז איצט, אַ דאַנק דעם צוויי הונדערט יאָריקן יאָרצייט פון בעש״ט, אַבסאָלוט אַקטועל. דאָ איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז זיפער האָט אַליין מייסטערהאַפט איבערזעצט זיינע בעש״ט מעשיות אויף עברית, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם, אין ישראל.

„דאָס אמתע בילד״ פון י. זיפער איז אַ דערציילונג געשריבן אויף דער פאָן פון יידישער טראַגיק. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ שטעטל אין פּוילן, וואָס בשעת עס איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין דער צייט פון דער בהלה, האָט דער זעלטענער גלח קוזניצקי זיך צוריקגעצויגן אין זיינע דלד אמות און... געגלאָצט מיט גלאָזיקע אייגן אויף דער יויזל סטאַטוע...

די טענדענץ פון דער דערציילונג איז, אַרויסצוברענגען דעם מסירת נפש און גרויס־מענטשלעכקייט פון דעם גלח קוזניצקי (אין דעם ליכט פון מאַרטירער־שאַפט), וואָס האָט נאָך ווי אַ סטודענט אין סעמינאַר... נישט געקענט פאַרטראָגן די לערערס, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט יעזוסן ווי אַ נעבעכל...

ער האָט גאָר געבענקט נאָך אַ דערלייזער, אַ שטאָלצן, וואָס גיט זיך נישט אונטער! זייענדיק באַנומען פון ספק־ית, האָט ער אַלעמאָל געמיינט, אַז דעם... סוד פון גאָט־מענטש, אַ דערלייזער — פאַרשטייט מען אינגאַנצן פאַלש...

ער פרייט זיך מיט דער סטאַטוע פון יעזוסן, וואָס ער האָט געקראָגן ווי אַ מתנה — און ער טרייסט זיך דערמיט, וואָס... „דאָס נייע יעזוס־בילד האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גוטן אָנהייב און אַז שפּעטער וועט מען אינגאַנצן פאַרווישן... די בלוט־פלעקן... אַז ניט, וועט מען זיי מאָלן אַזוי, אַז פון די טראָפּנס וועט אויפגיין אַזאַ שיין פון שטאַרקייט, אַז יעדער טראָפּן וועט בכוח זיין אויפצוטרייסלען אַ וועלט . . .



אים האָט זיך דורכאויס געוואָלט זען אַן אַגרעסיוון און קרעפטיקן יעזוס, וועמענס ווערטער, ווי... אַקאָרדן אַזעלכע דינען... שנירלען זיך ווייט אַוועק, און זיי פאַרנעמען די ווייטסטע וויטן . . .

די פאַנטאַזיע זיינע מאָלט אים אויסטערלישע בילדער פון אַפּאָקאַליפּסיס. אָבער, ווי נאָר ער פאַרמאַכט די אויגן, דערזעט ער „דאָס אמתע בילד״ און ער רופט אויס:... ס׳איז יעזוס. יאָ, ער אַליין, אָדער — גאָר חיים דוד שניידער פון דער גאַרבאַרניע גאַס... וועמען ער האָט געזען פאַרפייניקט ווערן פון די באַלאַכאָוצעס...

זיפער מאָלט דאָ אַ רעאַליסטיש בילד אין בולטע קאָלירן, ווען דאָס שטעטל איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, מיט אַלע שרעקן און שוידער פון אַ פּאָגראָם. קוזניצקי אָבער אַליין, טיילט זיך דאָ אויס ווי אַ זעלטענער טיפּ פון די גאָר ווינציקע חסידי אומות העולם, וואָס גייט דאָ אַרום אין דער הייליקער סוטאַנע און בעט אין יעזוסעס נאָמען ביי די צעווילדעוועטע סאָלדאַטן, ניט צו מאָרדן. די כוליגאַנעס לאַכן פון אים, נעמען ביי אים צו דעם צלם און ברעכן אים נאָך אָן דערביי די ביינער.

אַצינד זעט ער שוין קלאָר חיים דוד שניידער אַ צעבלוטיקטן, ניט יעזוס, אַ געבויגענער, אַ דערשלאָגענער — נאָר פון יעדן קנייטש זיינעם שפּאַרט אַרויס... אַ מאָדנע זיכערקייט און אייַנגעשפּאַרטקייט... און פון... אינעווייניק האָט אַרויס־געהילכט אַן אַנדער שפּרוך, אָט דער שפּרוך וואָס ער האָט געהערט אַ גאַנצע נאַכט אַרומלויפנדיק איבער די יידישע גאַסן: שמע ישראל ד׳ אלהינו, ד׳ אחד...

דער קלאַפּ אין טיר רירט אים ניט. ער וויל ניט אַרויסגיין אויף דער גאַס. ער קען דער וועלט אין פּנים ניט קוקן. ער קען ביי זיך אפילו ניט פועלן אויפ־צוהויבן דעם צלם און בענטשן זיי — די עדה אין קלויסטער, נאָך דעם ווי ער האָט געזען וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס.

אין דעם גאַנצן קאָשמאַר פון זיינע איבערלעבונגען, שפּאַרט פאַר אים אַרויס אַ מאָדנע זיכערקייט פון אַלע שפּאַלטן: מ י ר ו ו ע ל ן אַ ל ץ א י ב ע ר ־ ק ו מ ע ן. ער זעט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ צווישן די דעכער. איין אויג קוים געעפנט. ער קוקט אַריבער אַלץ און ער פרעגט — צו וועמען? וואוהין?

... דערבאַרעם זיך פאָטערל, מ׳וויל אונדז אַלעמען אויסקוילען.

ער כאַפּט די סטאַטוע, לויפט אַרויס אין גאַס מיט די דריי יידן וואָס שלעפּן זיך אים נאָך און דערציילן, אַז די לעגיאָנערן האָבן צעגויפגעטריבן דאָס גאַנצע שטעטל יידן אין מיטן מאַרק און ווילן אַלעמען צעשיסן.

אַרום דעם קליינעם קלויסטערל איז זיי אַנטקעגן געקומען דער משוגענער פאַן סקזשינסקי, האַלטנדיק אַ צעבראָכענעם פידל אין איין האַנט און אין דער אַנדערער — אַ בילד פון דער הייליקער מאַריע.

— פּאַני קאָכאַני — רופט ער ספּאַזמאַטיש אויס — די גייסט אויך אַהין? — און ער באַטאָנט: — מיט די געפייניקטע איז גאָט . . .

אים באָמבלען זיך אין קאָפּ די רייד פון דעם בישאָף: „דאָס אמתע בילד״ איז פאַרהוילן, ווער ס׳איז זוכה, זעט דאָס ריכטיקע געשטאַלט.

ער דערקענט דעם משוגענעם סקזשינסקי, וואָס... דרימפּלט אויס, מיט אַן אייגענעם ניגון, פּסוקים פון מיצקעוויטשעס „דזשאַדי״ און אויך פון אונדזער תהילים.

דער משוגענער אַנטפּלעקט זיך דאָ אין זיפּערס צימצומדיקן געמעל, ווי אַ מענטש אַ קלאָרער, וואָס באַטאָנט: ...כ'האָב געמיינט אַז דו ווייסט ווען דער טאָג פון משפט קומט . . .

די באַגעגעניש מיט דעם משוגענעם און זיינע אָפּגעהאַקטע רייד, וועקן אין גלח אַ חשק אים ווידער עפּעס צו פרעגן. ער פאַרגעסט אַז ער איז אַ משוגענער און ער פרעגט אים: — וואָס וועט זיין אַ מ'וועט קלינגען אין די גלעקער? — דער ענטפער איז: די טייוואָלים פאַרפייניקן די הייליקע קינדער... די ערד איז ווידער פאַרגאָסן מיט בלוט... דאַרפן קלינגען די גליקער. דער טאָג פון שאַנדע איז אָנגעקומען!

אַזוי ווערט אָפּגעשאַצט די פּאָגראָם־סיטואַציע אין די רייד פון קלאָמפּערשט משוגענעם פאַן.

דער גלח, וואָס איז אַליין כמעט פון זינען געריִרט און צעווייטיקט פון דער פּאָגראָם־איבערלעבונג, גייט נאָך. אים קלינגט נאָך אַלץ אין די אויערן דער זאָג פון דעם בישאָף: — ווער ס'איז זוכה, דער זעט דאָס אמתע בילד.

דער מאַרק איז איבערגעפילט מיט צעשראָקענע און פאַרפייניקטע יידן, מענער, פרויען און קינדער. אין דעם ליאַרעם נישטערט דער גלח מיט די אויגן און ער זעט צעקרימטע פּנימער, פאַרגאָסענע מיט בלוט, פון דער עדה יידן. ער ציטערט. אין מוח שלאָגט מיט האַמערס. ער שרייט, ער רעוועט: — מענטשן, וואָס טוט איר? ! ער זעט מער גאָרנישט. לעגיאָנערן קוקן בלויז אויף דער משונהדיקער סטאַטוע מיט טעמפּקייט. פּלוצים דערהערט ער: — אַ טויט די שונאים פון פוילן!

עס דערהערט זיך אַ קלינגען פון גלעקער, דער גלח לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני און שלוכצט הויך: אַזוי פיל ק י נ ס, יעזוס ליבער. זעט נאָר ווער עס טראָגט דעם צלם דיינעם!

און צו די יידן:... פאַר אייך ברידער, געפייניקטע, קלינגען די גלעקער איצט. נעמט מיך צווישן אייך, מיט אייך איז דער האַר, איר זענט אייביק.

ער האָט זיך געבויגן און פאַרנייגט פאַר זיי, ווי פאַר אַ הייליק בילד.
עס שאַפט זיך אַן עפענונג און דער גלח ווערט אַריינגענומען אין מיטן.
— זאָל אייך דער האַר באַצאָלן — האָט ער אַ מאָדנעם צאַפּל געטאָן.
— טויט די שונאים פון קריסטוס! — רעוועט אַ קול.

— פריער הרגעט מיך מיט אים! — שטרעקט דער גלח די קריסטוס־סטאַטוע אַנטקעגן דעם אָנגעלויף.

ער ווערט אימגעוואָרפן פון אַ בלאַנק פון אַ שווערד אויף דער ערד. און זיפּער פאַרענדיקט זיין דערציילונג אַזוי:

... אַ צעטראַמפּלטער איז דער גלח קוזניצקי געלעגן אין מיטן מאַרק צווישן אַלע הרוגים; איין אויג האַלב אָפן און פאַרטרערט. דאָס אַנדער — פאַרקלעפּט מיט פערד־שמוץ. און לעבן אים — די קריסטוס־סטאַטוע, וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון פון אַ קאַלוזשע בלוט אַרויס.

דער קינסטלערישער ווערט פון דער פאַרכאַפּנדיקער דערציילונג ליגט אין דער אויפפאַסונג פון דעם פּאָגראָם־מאָטיוו אין אונדזער פּראָזע, אין זיפּערס אַנדערשדיקן צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם, אַן ביאַליקס מוסר און אָן שאַפּיראָס קללה.



צו זיפּערס שבח איז דאָ ווערט זיך אָפּצושטעלן אויך אויף דעם, וואָס עס איז אין זיין דערציילונג נישט בנמצא. איך האָב דאָ אינזינען די צעשוואומענקייט פון קללות, וואָס באַהערשן און דאָמינירן די פּראָזע־ווערק פון אונדזער היינטצייטיקער חורבן־ליטעראַטור. מיין איינדרוק איז, אַז ער האָט אָן דעם אָנגעשלאָגן אַ העכערן טאָן און אָן יעדן ספק, צוליב דעם מער דערגרייכט.

זיפּערס שפּראַך איז אַ זויבערע און קלאָרע. ביי אים איז ניט שייך קיין געפליגלטע רעטאָריק, וואָס איז איבעריק אין יעדן קינסט־ווערק. צוליב דעם אַליין דערגרייכט ער זייער אַ סך, און אַ דאַנק דער פּשטות פון זיין שפּראַך־עשירות איז זיין דערציילונג צוגענגלעך צו יעדן איינעם אָן אויסנאַם.

דער סטיל זיינער איז געצוימט און געלייטערט, צימצומדיק פאַרשפּיצט, אָן דער פּגימה פון איבעריקע רייד, וואָס פאַרפירן ניט זעלטן אַ פּראָזע־שרייבער און פירן אים אַראָפּ פון דעם אָנגעצייכנטן דרך המלך פון אַ קינסטלער, פירן איבער און מאַכן קאַליע דעם אָנגעשלאָגענעם טאָן און אויפזונג פון זיין ווערק.

דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג, דער גלח קוזניצקי, פּיבערט ממש מיט דער דינאַמיק פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס ווייטיקט דער עיקרשט אויף דעם גורל פון אַנדערע — די יידן — און בעט אין יעזוסעס נאָמען: „ניט צו מאָרדן.“

דער יידישער ל א ת ר צ ח אין דעם מויל פון אַ גלח, באַקומט דאָ אַ נייעם זין און גאָר אַ זעלטענעם תיקון.

אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן ליכטיקט אויף אין זיין מחשבה, די עקשנותדיקע זיכערקייט פון די פאַרפייניקטע און פּאָגראָמירטע יידן: מיר וועלן אַלץ איבערקומען... אין בשעת איין צעבלוטיקט אויג קוקט אויף דער מהומה צו אים אַריבער און פרעגט: צו וועמען? וואוהין? — איז דער ענטפער אָן ווערטער, נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך: מ י ט ד י יי ד ן!

זיין געוויסנהאַפטער איינשטעל באַקומט זיך אין דעם קורצסטן אויפגעשריי זיינעם: — מענטשן, וואָס טוט איר?

און ביים אויפקלונג פון די גלעקער דערזעט ער אַזוי פיל ק י נ ס מיטאַמאָל, אַז אין איין הרף־עין שלאָגט ער אָן דעם טאָן פון זיין עכטסטער איבערלעבונג:

— נעמט מיך צווישן אייך, מיט אייך איז דער האַר, איר זייט אייביק. פריער הרגעט מיך מיט אים!

דער ביי־טיפּ פון זיפּערס דערציילונג, דער משוגענער סקזשינסקי מיט דעם צעבראָכענעם פידל, טיילט זיך איס מיט זיין באַזונדערער אידלקייט; אונטער דעם אויסרייד פון זיין אַ צעדרייטער, איז ער קלאָר געווג זיך נאָכצופרעגן אויף דעם... טאָג פון משפט... און פאַטעטיש אויסרופן:

— דער טאָג פון שאַנד איז אָנגעקומען.

אַזוי האָט י. זיפּער פאַראייביקט און פאַרהייליקט דעם גלח קוזניצקי אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פרייוויליק אַריינגעבלוטיקט אין דער קרוין פון אונדזער מאַרטירערשאַפט און וועט אייביק לעבן אין דער געדעכעניש פון אונדזער קינסטלערישער פּראָזע, אַ דאַנק דער קאָרעקטקייט פון דעם מחבר וואָס ווייסט, ווען און וואו אָפּצושטעלן אַ פּונקט, פאַרבינדן דעם אָנהויב מיט דעם סוף דורך דעם סינטעז פון אַ מיטן, אין בכלל איינפאַסן דעם סיפור המעשה אין אַ ראַם פון פּשטות, וואָס ווירקט אויף דעם לייענער מיט דער עכטקייט פון זיין איבערלעבונג.

אלף כּ״ץ

# דער אַלטער קאַפּיטאַן

(פון דער סעריע: „לידער פון די צוואַנציקער״)

פון וואַנדער אויף ימים און יאָרן פון שטורעם
אין בויך פון דער טיף,
אַ בילד אויף דער וואַנט אין געבליבן,
אַ בילד פון זיין שיף.

די שיף אויף פאַרגליווערטע כוואַליעס,
זי רייסט זיך נאָך אַלץ צו דעם שווים,
זי הערט נאָך דעם רוף פון די ימים,
דעם רויש און געזאַלצענע שטים.

ווי ער אָבער, דאָ אויף זיין וויגשטול,
די שיף איז געפּענטעט אַצינד—
ביי ביידן עס שטרעבן די זעגלען צו שוועבן,
נאָר האָבן שוין מער ניט קיין ווינט.

די שטול וויגט אים איין
און ער זעגלט אַצינדער
אין ים פון די יאָרן וואָס זיינען פאַרביי.
פון חלום וואָס צויבערט
צעוועקט אים אַמאָל נאָר
דער גרילציקער פּלוידער
פון זיין פּאַפּוגיי.

---

שיקט אַריין אייער אבאנענטן אָפּצאָל

טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.

---



ל. פיינבערג

# ביים אָפענעם אָרון

(פון דער סעריע: „לידער צו חוהן״)

איך שטיי ביים אָפענעם, ביים אָרון:
דיין פּנים אַשיק איז און גרוי.
עס קאָן אין מוח זיך נישט פּאָרן:
דו, חוה — מיט דער טויטער פרוי.

מיין אָרעם אָנגעשפּאַרט אַן שטענדער,
איך שטיי פאַרגליווערט איבער דיר:
דער טויט דיין פּנים האָט פאַרענדערט
מיט פּראָסטיקן, מיט זיין באַריר.

דו ליגסט אין אָרון אַ באַרוטע,
פון אַלעמען שוין אָפּגעשיידט.
דיין מראה — בלייך, ווי פּערלמוטער,
אַן אָפּגעוועלקטע פרילינג-קווייט.

און לעבן דיר — אַ גרויען שתקן,
דער טויט — מיט אָרעמס, ווי פון וואַקס;
ער טראָגט אַ שוואַרץ-און-געלע מאַסקע,
אַ גרין־און-פּורפּלדיקן פראַק.

פון תהום געקומען כּת-הקלע׳ר
דער חתן איז אין שענצטער טראַכט:
צו פירן גרייט זיין זיסע כּלה
צום לאַנד פון אייביק-אייביק-נאַכט.

ער גיט אַ הויב די דאַרע פינגער
פון געלער, מלכות׳דיקער האַנט —
און טוט דיר אָן דאָס כּלה-רינגל,
פאַרנעם, באַפעלעריש, גאַלאַנט.

ער שעפּטשעט עפּעס מיט כוונה
און כּישופט עפּעס אין אַ קרויז —
און טוט אַ קרוין אָן אויף דיין פּנים —
אַ געלע, אָפּגעבליטע רויז.

אין הארצן פלאַקערט, ווי אַ דאָרן,
דאָס ציטער־פלעמל פון די ליכט.
איך פאַל אַנידער צו דיין אָרון —
און קוש דיין מלכות׳דיק געזיכט.

אַבּא קליגער

# אַ שעפעריש לעבן

דאָס אקערשט־דערשינענע בוך „אינאיינעם און באַזונדער" פֿונעם לאַנג־יאָריקן קאַליפאָרניער תושב — פּאָעט און עסייאיסט — יחזקאל בראָנשטיין, איז דער צענטער באַנד פֿון זיינע שטיל־פּאַרטראַכטע געזאַנגען אין ליד און פּראָזע. דאָס רונדיקט אויס אַ „דעקאַלאָג" פֿון זיינע שריפטלעכע מעדיטאַציעס אין און איבער דער שיינער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז אויך דער חותם פֿון זיין לעבנס־קרעדאָ און די אויסשטראַלונג פֿון אַן אייגענער אַרויסגעבראַכטער חשיבות.

בראָנשטיין איז רעליגיעז־פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער זוכט די גאולה אין דער פּאָעטישער וויזיע פֿון עסטעטישן וואָרט. דאָס ווערט קלאָר פֿון זיינע צאַלרייכע לידער און אין די ליטעראַטור־שמועסן פֿון זיינע ווערק. דאָס זינגט אַרויס פֿון זיין באַהעמישער נאַטור.

בטבע אַ בעל־חלום, זעט ער זיך קלעטערן בהדרגה איבער די אויסגעחלומטע בערג צו דער מעטאַ פֿון אַ גייסטיק־עסטעטישן „עווערעסט".

* * *

דאָס ערשט־דערשינענע בוך מיטן האַלב־מיסטישן נאָמען „אינאיינעם און באַזונדער" איז, לפי עניוות דעתי, אַ דערגרייכונג פאַרן געלייטערטן וואָרט פֿונעם לשון יידיש, וואו ער לעבט זיך חנוודיק אויס.

קודם מאַכט דאָס בוך אַן איינדרוק מיט זיין אויסערדיקן אויסזען. פּאַפּיר און שריפט, דער אָפּדרוק און איינבינד — דאָס זענען דאָך עיקר־עלעמענטן וואָס שאַפֿן גאַנצקייטן. עסטעטיש איז אויך דער אַרכיטעקטאָנישער צונויפשטעל פֿון בוך, זיין סדר און דער אופן ווי דער מאַטעריאַל איז רעדאַגירט און איינגעטיילט. אין אַ שיינעם, יום־טובדיקן בוך ווילט זיך אַריינקוקן.

עיקרדיק אָבער איז דאָס זעלישע געמיט וואָס איז איינגעגלידערט אין בוך. דאָס אַנטפּלעקט אַ גרויסע טייל פֿונעם דיכטערס נשמה. עס פילט זיך אַז אַן עסטעט האָט זיך עוסק געווען מיטן אינערדיקן תמצית פֿון בוך, ווי מיט זיין געשטאַלטונג. ער האָט עס געטאָן מיט התמדה פֿון אַ סופר, אַ ירא־שמים, וואָס פירט מיט אַחריות די געגנזענע פּען איבער כשרע יריעות. דעם ערנסט וואָס אַ שרייבער פילט צו זיין אייגענער אַרבעט, דאָס זיין אָפּגעהיט מיטן וואָרט, מאַכט אַ בוך חשוב און וויקלט אים איין אין דער הילע פֿון אַ ספר.

דאָס איז דער תוכן און סטיל פֿון בראָנשטיינס אַרט שרייבן בכלל און איז מער נאָך בולט אין זיין נייעם בוך.

* * *

ניט אַלע בכבודיקע אורחים וואָס דער פּאָעט פאַרבעט אין זיין ליטעראַרישן חסידים־שטיבל זיינען כהנים. פאַראַן דאָרט מער לוויים און נאָך מער ישראלים. דאָס ווערט ניט אָנגעמערקט חלילה לגנאי. אויב צווישן עטלעכע מנינים וואויל־מיינענדיקע יידן געפינט זיך איין מנין לוויים און אַ מזמן פֿון כהנים, איז זייער שיין. אַ כהן איז בכלל אַ יקר־המציאות ביי אַלע אומות, אין אַלע צייטן.

אָבער דעם ערנסט און די חברשע וואַרעמקייט מיט וועלכע דער פּאָעט בראָנשטיין נעמט זיי אַלע אויף אין זיין בוך, פאַרבינדט אים מיט זיי, געפינט צי־טרוי צו זיין וואָרט און מאַכט יעדן פילן נאָענט און היימיש, יום־טובדיק. דער



קאָלעגיאַלער כיבוד וואָס ער טראָגט אַנטקעגן זיין משפחה פֿון יידישן וואָרט און ליד, איז ניט פאַרטונקלט פֿון זיין שיין וואָס איז יחידיש, אייגן, נאָר ניט אָפּגעטיילט, ניט פֿון אויבן אַרונטער. ער, אין אַן אייגענער, אַליין־אַרויסגע־בראַכטער וועלט, פאַרברענגט זיינע שבתים אין אַלעמענס אויפגעראָמטע וועלטן און האָט גרויס הנאה פֿון זייערע ליכט־טרעגער.

* * *

זוכן אַ זכות איז אַ מידה עליונה. דער וואָס קען זיך אויסטאָן פֿון זיין ענגער פערזענלעכקייט — ווי אָנגעזען זי זאָל ניט זיין — איז מסוגל זיך צו פאַרשמעלצן מיט יענע וואָס באַוואויבען באַזונדערע וועלטלעך און אַנטפּלעקן אין זיי חן און שיינקייט. בראָנשטיין, אַ פאַרליבטער אין דער עסטעטיק פֿון יידישן בוך, נעמט אויף אַלע שעפערישע געמיטער ווי רינגען פֿון איין רונדער קייט, וואו ער אַליין איז אויך ניט מער ווי אַ רינג.

מחמת אַט־די קייט איז דער סכום אין סך־הכל פֿון די יידיש־קולטורעלע ווערטן, איז במילא יעדער יחידישער בייטראָג, ווי אַ טייל פֿון אַט־דער פולקייט, חשוב און פֿון גרויס אָנזען און באַטייט.

* * *

די שיינשרייבער — פּאָעטן, דערציילער, עסייאיסטן — וואָס בראָנשטיין האָט פאַרבעטן אין זיין בוך, וועלן אָן ספק זיין גערן אויסצוגעפינען די פינקטלעכע וואָג פֿון זייער באַטרעף, די מאָס פֿון זייער ליטעראַרישן דערגרייך. זיי וועלן אָבער פאַרלוירן ווערן אינעם לאַבירינט פֿונעם מחברס זעלישער השתפכות.

ניטאָ קיין מחיצה צווישן די אויפגענומענע און דעם אויפנעמער. ער טיילט זיך פֿון זיי ניט אַרויס, ניט ער האַלט זיך פֿון זיי אָן אַ זייט.

די ליטעראַרישע שאַפונגען וואָס האָבן אינספּירירט בראָנשטיינס בוך, זיינען ביי אים ווי קאַנווע און ליוונט פאַר אַ קינסטלער. דורך זיי זוכט ער זיך אַליין צו געשטאַלטיקן. אין זיינע אינטימע שמועסן איבער ליטעראַטור וויל ער אַליין זען זיך אויפגעקלערט, געפינען אַ זעלישן תיקון.

די קאַפּיטלעך פֿון בוך וואָס לייענען זיך אָפט ווי לידער אין פּראָזע, ווירקן ניט ווי ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען. זיי זיינען רעגונגען וואָס מאַכן וויברירן די סטרונעס פֿון באַהאַרצטע מחשבות, פול מיט אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע צו אַלץ וואָס באַרייכערט די יידישע קולטור. אַלצדינג יידיש איז שיין אין ווירדיק און צו די וואָס מיען זיך אין גייסטיק־יידישן לעבן, באַציט זיך דער פּאָעט בראָנשטיין מיט גרויס חשיבות.

מחמת אהבת נפש צום יידיש־עסטעטישן וואָרט, האָבן ביי אים אַלע קולטור־טרעגער אַ חלק אויף עולם הבא.

* * *

ריינער ברענשטאָף דאַרף איין פונק אויפצואוועקן אַן איינגעדרימלטן פלאַם. אַזאַ פלאַם ברענט ניט — ער וואַרעמט. ער פלאַקערט ניט — פאַרצערט ניט — ער לייכט. דאָס אויבנאויפיקע אויג קען ניט אויפכאַפּן פונוואַנען דאָס ליכט קומט. דאָס זיפּט זיך אַדורך פֿונעם פּאָעטס אינעווייניקסטער שייך, פֿון זיין מהות, וואָס איז דער עצם פֿון זיין לעבנס־חכמה, די נשמה פֿון זיין ליד.

בראָנשטיינס שמועסן איבער דער יידישער ליטעראַטור, ווי די שמועסן וואָס ער האָט מיט זיך אַליין, זיינען צימצומדיק. קורצע זאַצן קענען אַמאָל זאָגן

פּינטשע בערמאַן

# אַ תּפֿילה

אָ גאָט, זאָל די פֿרייד פֿון צעזונגענע שעהען
ניט ווערן דער קרבן פֿון געלייטערטן טרויער.
אָ גאָט, זאָל דער קוואַל פֿון קרישטאָלענעם אומעט
ניט ווערן דער שאָטן פֿון טאָג אין זיין דויער.

אָ זאָל זיך ניט שמעלצן דער קנייט פֿון נר־תּמיד
און שפּרייטן זיין וואַקס אויף צעעפֿנטן ריגל.
אָ זאָל ניט די אומרו, וואָס לויערט אין וואָלקנס,
צעפּראַסטיקן שווער זיך אויף רחבות פֿון פֿליגל.

אָ גאָט, זאָל דער טרער, וואָס הענגט אויף די ברעמען
פֿון געפֿיבערטן טאָג, ווי אַ וואונד אַ צערויעט,
ניט סמ'ען דעם ווייַן פֿון צעשפּרודלטן מאָרגן,
וואָס ברויזט אויף מיט זון איבער אויגן פאַרטויעט.

אָ גאָט, די מינוטן פֿון שטראַליקן אויפֿוואַך,
וואָס צינדן דאָס בלוט אין טעג די פאַרטיילטע —
זיי זאָלן ניט ווערן די צאַנקענדע ליכטער,
וואָס פֿלאַמען אויף ראַשיק מיט אָטעמס — געציילטע...

עס גייט אויף מיין ליד מיטן ציטער פֿון סטרונעס,
וואָס טראָגט זיך מיט ווינט אין פאַרבאָרגענע וועלטן —
אָ גאָט, זאָל דער קלאַנג פֿון מיין וואָרט זיך צעשטראָמען
און עכאָן אין אַלע פאַרשטומטע געצעלטן.

---

אַ סך גרויסע און קלוגע רייד. ווייניק שרייבער הערן אָפּט וואָס זיי רעדן און זענען קאַרג מיט זייער וואָרט.

* * *

דורך אַלע יאָרן פֿון אָפּריכטן ביחידות באָהעמישע ימים טובים, פֿון איבער־געבן זיך מיט לייב און לעבן צו די ווערטן פֿון דער יידישער קולטור, זע איך יחזקאל בראָנשטיינען אויף אַ מדרגה פֿון וואַנען זיין אויג קען אויפֿנעמען אַ סך וועגן — די ברייטע און שמאָלע, גלייכע און געדרייטע — וואָס שלענגלען זיך פֿון אַלע אַרומען. אַלע וואָס באַוועגן זיך איבער זיי זיינען אים נאָענט. ער פאַר־בעט זיי אין זיין אָפּגעהיטן פּאָעטישן גאָרטן און איז אַלעמען מקרב, ווי דאָס טוט מיט אים פאַר אַ סך יאָרן דער וואַרעמער הימל פֿון דרום קאַליפֿאָרניע.

דאָס איצטיקע בוך, ווי זיינע פֿריערדיקע ווערק, איז אַן אָפּשיין פֿון זיין פּאָעטיש־לירישן געמיט, אַ זעליש געזאַנג פֿון זיין שטיל־געלעבט לעבן וואָס אינספּירירט, איז יאָדערדיק און שעפֿעריש  ל ש מ ה.



לוי גאָלדבערג

# די וועלט פֿון לוי״ס לידער

די וועלט פֿון לוי'ס לידער איז אַ שטילע געסל אין אַ גרויסער שטאָט
פֿון פּליינען, גערטנער, און פאַרכאַפּנדיקע סעדער.
די שטיבער, ווי הויקערדיקע וועגענער אויף לויזע רעדער
שטייען פאַזע סקריפּנדיקע טראָטואַרן, ביז דער אַלטער באָד...

דו גיי אַריין אין זיינע לידער, און זיי זיך מיט זיי מקדש;
ווייל אין זיי שמ'ט אַ הייליקייט פֿון גאָט צו דיר, אין שפּראַך
פֿון היים, פֿון אַלטער שול, און פֿון דער קראָ, וואָס אויף אַ שינדל־דאַך
קלאָגט אויף איר עלנט אוים דעם צער־געוויין פֿון זיין ערשטן קדיש.

דו גיין אַריין אין זיינע לידער, וועט פאַר דיר אין חשיבות העלער
אַנטקעגן קומען פֿון קאַמערויקע — עק־גאַס מיט דעם גרעסטן דלות —
דער איש־אמת, זיין טאַטע, דער וואָרוועלניק רב עליע,
אין דער שבתדיקער טראַכט, געאָרעמט מיטן אַלטן טלית.

אַ ייד, וואָס קליידט זיין דחקות אָן מיט יום־טובדיקער התלהבות,
אַ מענטש אָן דאגה, פאַר וועמען דער בטחון איז די גרעסטע מעלה;
פאַר דעם פֿרומען שמייכל פֿון זיין מאַמען, אין איר זיידענער פאַטשיילע —
וועט ער דיך ווי אַן אורח פֿירן צו זיין היים אויף שבת.

דו גיי אַריין אין זיינע לידער; ס'וועט דיר אָנטרעפֿן דער
„וואַסער־טרעגער" לוי
(„צוויי פֿולע עמערן אויף אַ קאַראָמעסל זיך וויגן").
פֿון אַ פֿרעמדן נעסט וועט ער דיר אויפֿזינגען זיין ליד, אַזוי ווי
אַ פאַרבלאָנדזשעט פֿויגל אויף אַ צווייג, פֿון זיין בוך: „אין ווינט אַ ניגון."

אַ זינגער, וואָס אין גורל זיינעם יאָגט ער זיך אין מי צו האַווענען,
כדי אין זיינע נעכט געצונדן ווערן ווי אין רוים אַ שטערן.
און ווי צום בורא זיינע זיידעס — אין זייער פֿרומען דאַווענען —
תּפֿילה'ט ער צום מענטש זיין ליד, פֿון גאָט דערהערט צו ווערן.

דו גיין אַריין אין שטילן געסל. טרייסט און פֿרייד פֿון דאָרט דיך פֿירן
צו זיין אויפֿגעבליטן בוים, מיט רייפֿע פּירות אויסגעטראָגן;
און זאָגן וועט דיר לוי: — ריים און עס! און דו וועסט שפּירן
ווי פאַר יעדן ליד אין דאָרשט, ער האָט מיט שווייס דעם שטיין געשלאָגן..

י. פרידלאַנד

# אַ מענטש אַ חקרן

(דערציילונג)

לייזער רייכמאַן, אַ פאַרמעגלעכער אַלטער בחור, קרוב צו פופציק, איז געווען אַ שטענדיקער בן־בית, כמעט אַ טעגלעכער באַזוכער ביי די ראַטשטיינס. ער פלעגט זיך ביי זיי פילן גאָר היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים. פלעגט דאָרט עסן, טרינקען, פאַרברענגען מיט די קינדערלעך און אויך אַרויסהעלפן די ראַטשטיינס מיט אַ הלוואה אין צייט פון אַ נויט. אַ סך באַקאַנטע פון די ראַטשטיינס האָבן ניט אַנדערש געדענקט, ווי נאָר אַז ער איז זייערער אַ נאָענטער קרוב, און רייכמאַן האָט זיך טאַקע ביי זיי געפילט ווי אַזעלכער.

די ראַטשטיינס זיינען טאַקע געווען די איינציקע, וועלכע האָבן געוואוסט, פרטימדיק, זיין אַרט לעבן. פאַר די מערסטע אָבער איז ער געווען אַ פאַרשלאָסענער סוד; אַ שוויגער, אַן אין זיך איינגעשלאָסענער מענטש בטבע, האָט קיינער נישט געוואוסט וואָס ער איז, ווער ער איז אין מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. וואָס מ'האָט יאָ געזען, אַז ער איז תמיד שיין באַקליידט, פאָרט אַרום אין אַ רייכן אויטאָמאָביל, באַוואוינט אַ שיינעם אַפּאַרטמענט און איז, ווי געזאָגט, שטאַרק צוגעבונדן צו דער משפחה ראַטשטיין.

באַקאַנט זיך מיט רייכמאַנען האָט ראַטשטיין אין שאַך־קלוב אין וועלכן זיי געהערן ביידע. און ראַטשטיין האָט אים פון צייט צו צייט איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, אין אַזוי איז רייכמאַן געוואָרן אַ הויז־פריינט, און ווי אין מערסטע פאַלן איז אַ זאַ הויז־פריינט ס'רוב אַ נוצלעכער מענטש, בעיקר מאַכט זיך אַזעלכער נוצלעך ביי דער פרוי אין הויז. אין אונדזער פאַל איז רייכמאַן ניט געווען קיין אויסנאַם: ניט זייענדיק קיין פאַרנומענער, אַזוי האָט עס אויסגעזען. טייל האָבן געזאָגט אַז ער שפּילט אויף דער בירזשע, דרייט זיך אַרום „וואָל סטריט"; אַנדערע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „טשידאַק". פאַרוואָס? האָבן זיי גענוי נישט געוואוסט. אַ מענטש איז אַביסל אַנדערש לויט זיין הלבשה, מאַנערן; אָפּגעהיטקייט אין גאַנג, אין לשון וכדומה — איז ער אַנדערש!... און מחמת זיין ניט פאַרנומענקייט פלעגט ער טאַקע מיט דער פרוי רייכמאַן, אָדער עדנאַ, ווי ער פלעגט זי מיט אַ סך צערטלעכקייט רופן, פאָרן מיט איר איינקויפן זאַכן און באַלעבאַטישקייטן; פלעגט אַוועקפירן אירע צוויי קינדערלעך אין שולע און בכלל באַזאָרגן אַ סך זאַכן פאַר די ראַטשטיינס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אין פינקטלעכקייט. מען האָט געקענט זען ממש, אַז ער האָט אַן אומגעהויער פאַרגעניגן און אַ נחת־רוח פון אַלץ וואָס ער טוט פאַר די ראַטשטיינס, בעיקר, פאַר עדנאַן, פרוי ראַטשטיין.

וועט איר אַוודאי אַ טראַכט טאָן: נו, מסתמא אַ ליבע צווישן זיי ביידן! וואָרים ווי אַנדערש?... אַזוי איז שוין די וועלט פון ששת ימי בראשית.. דאָרט וואו ס'איז פאַראַן אַן „ער" און אַ „זי" מוז באַטירלעך אויך זיין דאָס ביסעלע ליבע מיט אַלע אירע אַטריבוטן און, אין גאָר אַ סך פאַלן דרייט עס זיך אַרום דעם אומפאַרמיידלעכן „דריי־עק"...



אויך דאָ איז עס ניט געווען קיין יוצא מן הכלל. רייכמאַן האָט ניט סתם ליב געהאַט עדנאַן; מיט יעדן פיבער פון זיין נשמה פלעגט ער זי פאַרהערלעכן און באַזינגען אין די שטילע שעה'ן פון זיין איינזאַמען אַלט־בחור'שן לעבן. ער פלעגט מיט בענקעניש און צאַרטן ציטער זען איר שיין געשטאַלט פאַר זיך יעדע מינוט פון זיין וואַך זיין, וואו ער זאָל זיך ניט געווען געפינען. ווי אַן עסטעט מיט אַ ראַפינירטן געשמאַק פאַר זאַכן, האָט ער מיט זיין סענסיטיווע פילבאַרקייט און עקזאַלטירטע פרייד, שטאַרק באַוואונדערט איר שיין געשטאַלט; אירע ווייכע שמייכלענדיקע אויגן, אירע פעך־שוואַרצע האָר, וואָס האָבן באַקרוינט איר קלאַסיש שיינעם קאָפּ; איר גלאַט ראָז־קאָלירט פנים, ווי פון מילך און רויזן; איר פאַרריסן געטאָקט נעזל; אירע שיין־געפאָרמטע פיס און מאַיעסטעטישן גאַנג האָבן אים שטאַרק באַצויבערט. פלעגט ער דעריבער זיך זעטיקן מיט דעם בלויזן קוקן אויף אָט־דעם שיינעם געשטאַלט אין... באַוואונדערן גאָטס יצירה! אַן אויסערגעוויינלעכע ליבע, פון אים צו איר — האָט אָבער הפנים זיין הייסע ליבע ניט געפונען אפילו קיין שוואַכן אָפּקלאַנג אין איר נשמה...

יאָ, ער האָט זי ליב געהאַט, אַזוי צאַרט, דין און איידל, ווי דער פיינסטער פּאַרפיום אירער, וואָס ער פלעגט איר אָפט ברענגען אַלס מתנה. ווי יעדער באַשיידענער סענסיטיוו־פאַרליבטער, האָט רייכמאַן, לעת־עתה, געלעבט מיט די זיסע אָבער אַנגסטלעכע האָפענונג אויף אַ בקרובדיקן רעאַליזירטן חלום זיינעם...

איינמאָל, ווען עדנאַ האָט, אין אַ פריידיק איפגעהייטערטן מאָמענט, אים פלוצלינג אַ קוש געטאָן — אפשר אויס דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר אַלץ וואָס ער טוט פאַר איר, אויך פאַר זיין הכנעהדיקער געטריישאַפט, האָט ער אַ צייט־לאַנג נאָכדעם געפילט איר נאָענטסטע באַרירונג, געשפּירט דעם זיסן, זאַפטיקן טעם פון אירע ליפּן און ניט זעלטן אין זיין דמיון אַרויסגערופן די איבערלעבונג פ'ן אָט־דעם עקזאַלטירטן מאָמענט . . .

וואָלט רייכמאַן געווען פון דעם סאָרט מאַנסביל וואָס זיינען שטאַרק צודרינגלעך צו די וועלכע זיי האָבן ליב — אַמאָל מיט געבעט, אַמאָל מיט שטילן געוויין, פון ליבע־צאַפּלעניש — וואָלט אפשר די גוטע, צאַרטע עדנאַ, ביי אַן אינטימען אויפגעהייטערטן מאָמענט, דאָך מיט אַביסל ליבע צערטלעכקייט אים באַגליקט; אָט ווי מען באַגליקט אַמאָל מיט צאַרטער נאָענטשאַפט אַ גוטן, אינטימען פריינט... האָט אָבער רייכמאַן קיין „בעטלער" ניט געוואָלט זיין אין קיין „נדבות" ניט געוואָלט נעמען. ער האָט געדולדיק געוואַרט אויף דעם הערלעכן מאָמענט, ווען זיין הייסע ליבע צו עדנאַן וועט אויך ביי איר מיט אַ פריידיקן באַגער באַענטפערט ווערן...

* * *

די צייט איז זיך געגאַנגען לעת עתה אָן אַ שום אומבייט. רייכמאַן האָט, ווי פריער, שטיל גענעסטלט און געוואַרעמט זיין גרויסע ליבע צו עדנאַן. עדנאַ האָט עס אַלץ געפילט און צוגעזען איר פריינטס ליבע און כמעט שקלאַפישע הכנעהדיקייט צו איר. זי האָט אים אָפט מאָל צוגעוואָרפן אַ ליבן וואַרעמען שמייכל, צאַרט באַרירן זיין האַנט מיט אירער — און דאָס האָט רייכמאַנען עקזאַלטירנדיק דערהויבן און גליקלעך געמאַכט...

איינמאָל האָט ראַטשטיין, עדנאַס מאַן, זיצנדיק אין שטוב, מיט רייכמאַנען אַליין, גאַנץ געמיטלעך, ביי אַ שאַך־שפּיל, פלוצלינג אים אַ פרעג געטאָן:

— רייכמאַן, פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה ?..

די געשטעלטע צו אים פראַגע, איז געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט איבער־ראַשנדיק, אַז רייכמאַן איז געבליבן אויף דעם מאָמענט שטום־שווייגנדיק: ער האָט פאַמעלעכדיק אַראָפּגענומען די האַנט פון שאַך־ברעטל, ווי מיט זיך גע־ישובט, וואָס פאַר אַן ענטפער צו געבן אויף אָט־דער אומדערוואַרטעטער פראַגע?

ראָטשטיין, האָבנדיק הפנים עפּעס אין זינען מיט אָט־דער פלוצלינגער ווענדונג צו רייכמאַנען, האָט ממשיך געווען דעם שמועס:

— איר ווייסט, אַזאַ מענטש ווי איר, געזונט און פאַרמעגלעך, קאָן אויס־האַלטן ניט נאָר אַ ווייב, נייערט אַ פּאָר קינדערלעך אויך, מיט אַלעם שענסטן אין בעסטן, עס זאָל זיי אַלעמען נישט פעלן. איך פאַרשטיי אייך נישט באמת!...

נאָך אַ קורצער פּויזע, אַז רייכמאַן איז נאָך אַלץ געבליבן זיצן ווי אַ גע־פּלעפטער און ניט געענטפערט, האָט ראָטשטיין — איינמאָל האָט ער שוין באַ־רירט דעם ענין האָט ער שוין ניט אָפּגעלאָזן אין ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון דעם אָנגעהויבענעם שמועס:

— איר ווייסט, פריינד רייכמאַן, איך האָב פאַר אייך אַ זייער פיינעם שידוך: אַ יונגע, שיינע פרוי, וועלכע וואָלט צו אייך, אַזאַ שטילן, באַשיידענעם מענטשן ווי איר, זיך זייער געפּאַסט. זי איז אויך אַ שטילע, ניט קיין פאַרשייטע, מ׳קען זאָגן אפילו אַ צנועה. אמת זי האָט אפילו אַ פּאָר קינדערלעך, אָבער דאָס שאַדט גאָרניט. איר האָט ליב קינדער, ניט אמת? און — איר וועט ווערן אַ פּאַרטיקער טאַטע, אָן זאָרגן, אָן קאָפּ־דרייעניש... כ׳בין זיכער, אַז איר וועט זי ניט נאָר הויך שעצן אַלס מענטש, נייערט אמתדיק ליב האָבן. און, אַז דאָס איז דאָך דער עיקר פון אַלע עיקרים, טענהט איר דאָך דאָס תמיד אַליין! אָבער... זייט נישט קיין חקרן און פאַרפילאָזאָפירט נישט די איצטיקע געלעגנהייט, וואָס קלאַפּט אין אייער טיר.

רייכמאַן האָט ראָטשטיינען אַביסל ניט צוטרוילעך אין גאָר מאָדנע אָנגעקוקט. אים האָט שטאַרק געוואונדערט, וואָס ראָטשטיין האָט זיך מיט אים אַזוי פריי און אָפּנהאַרציק, גאָרנישט לויט זיין טבע, פאַנאַנדערגערעדט מיט אים מכוח אָט־דעם ענין. זינט זייער נאָענטער באַקאַנטשאַפט, האָט ער זעלטן מיט אים פאַר־פירט אַזאַ אינטים געשפּרעך! דאָך, נאָך זיין ענדלעכן ישוב־הדעת, ניט זייענדיק חושד ראָטשטיינען אין קיין זאַך, פאַנאַנדערגעלייגט פאַר אים זיין גאַנצע פילאָ־זאָפיע בנוגע דעם ענין.

— איך גלויב — האָט רייכמאַן ערנסט אָנגעהויבן ריידן — אַז איר ווייסט מיין מיינונג וועגן הייראַט. איך גלייב אויך, אַז איר ווייסט — צו זיין אָפנהאַרציק מיט אייך — אַז איך האָב ליב אייער עדנאַן. איך וועל זיך מיט קיינעם ניט פאַר־בינדן, סיידן ס׳וואָלט געווען אַ קעגנזייטיקע ליבע. פון אייער שידוך, ווער זי זאָל דאַרפן ניט זיין, קאָן בכן קיין רייד ניט זיין. כ׳בין נאָך, ווי איר זעט, אַביסל אַלט־מאָדיש. איך האַלט נאָך אַלץ, אַז אמתע ליבע איז דער עיקר און ס׳איז דאָס איינציקע שיינקייט אין לעבן. ליבע, מיין פריינט, איז דאָס סאַמע עסענץ און סאַמע עצם פון לעבן... אָן ליבע האָט דאָס לעבן קיין ווערט נישט... דאָס וואָס מענטשן רופן גליק, איז אין אמתן, ליבע, און ניט קיין רייכטום. די איינציקע צרה — איז רייכמאַן היינגעריסן געוואָרן פון זיין פילאָזאָפישן שמועס — וואָס מענטשן ריידן זיך אָפּטמאָל איין, אַז זיי ליבן. דעריבער זיינען אַ סך אַזוי־



גערופענע ליבעס געבויט אויף דער השערה און געדאַנק און ווייניק אויף דער נשמה. און דאָרט וואו עס פעלט נשמהדיקייט, פעלט אויך לעבן... דעריבער זיינען פאַראַן אַזוי ווייניק אמת גליקלעכע ליבנדיקע פּאָרלעך. דאָס רוב פירן אַ מיאוס, טרויעריק און אפילו אינטריגאַנטיש לעבן...

נאָכ׳ן אָפּכאַפּן אַביסל דעם אָטעם האָט רייכמאַן ממשיך געווען:

— כ׳וויס, אַז אייער כוונה אין צוריידן מיך צו הייראַטן, איז אַן אמת גוטע, אָבער פאַר מיר, מיט אַ שאַרף קריטישן בליק אויפן לעבן, וואָלט סתם הייראַט געמיינט צו מיר אונטערצוואַרפן זיך צו די קאַפּריזן, מיינונגען און אפילו מידות פון אַ פרוי; און וואָס נאָך כ׳וועל באַרויבט ווערן פון אַ סך פון מיינע פרייהייטן וואָס כ׳האָב איצט און האַלט אַזוי טייער... שטעלט אייך פאָר, פריינד ראָטשטיין, ווען איך זאָל דאַרפן אַריינפירן אַ פרוי צו מיר אין הויז, וואו אַלץ איז איינגע־שטעלט מיט אַ סדר, לויט מיין אייגענעם ווילן און עסטעטישן געשמאַק און צו אַלץ וואָס כ׳האָב מיך ביז איצט איינגעלעבט, און וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון מיר, וועט מוזן געמאַכט ווערן אַ טאָטאַלער איבערבייט... כ׳וואָלט געמוזט טאָן זאַכן, וואָס כ׳וואָלט, ווען כ׳בין אַליין, נישט געטאָן: מיינע ביכער וואָלטן געווען איר אין וועג; מיין בילדער־קאָלעקציע וואָלט זי מסתמא נישט געגליכן; כ׳וואָלט גע־מוזט גיין מיט איר שפּאַצירן, ווען מיר ווילט זיך דווקא זיין אין שטוב און זיך צוהערן צו מיין באַליבטע רעקאָרדירטע קלאַסישע מוזיק, און איר וואָלט זיך דווקא וועלן זען און הערן די טעלעוויזיע, מיט דזשאַז־מוזיק אָדער גאָר אַ „וועס־טערן" מיט די ווילדסטע שיסערייען; און, ווען מיר ווילט זיך שטיל־שווייגן אין מעדיטירן, וועט זי דווקא נאָר וועלן ריידן; זי וועט וועלן עפענען ס׳פענצטער, ווען איך פיל גראַדע קיל. —

אַזוי ריידנדיק האָט רייכמאַן זיך אויפגעהויבן און צוגעמאַכט דאָס פענצטער נעבן אים.

— אָדער, זי וועט וועלן צומאַכן ס׳פענצטער ווען איר איז קיל און מיר איז וואַרעם. דאָס אייגענע איז מיט עסן, מיט דער דיעטע און צענדליקע אַנדערע קלייניקייטן און גרייסיקייטן וואָס פירן ניט זעלטן צו אַ צעשטערטן שלום־בית... ניין, מיין פריינט, סתם נעמען און חתונה האָבן אָן איבערלייגונג, ניט קענענדיק גוט גענוג דעם מענטשן, די מאַנירן, די כאַראַקטער־שטריכן וכדומה; דאָס קאָנען נאָר טאָן יונגטלעכע, וועלכע גריבלען זיך ניט, חקרנען נישט און האַנדלען לויט זייערע יונגע אימפּולסן אין באַגערן... כ׳דענק אַז איך וועל שוין אַזוי פאַרבלייבן... איך קאָן מיר נישט באַשליסן אויפצוגעבן מיין פרייהייט, וועלכע איז מיר אַזוי ליב און טייער און פּלוצלינג דאַרפן איבערברעכן מיין איינגעשטעלטן מצב, אָנהייבן טראָגן אויף זיך אַ יאָך פון זאָרג און אַחריות. ניין, מיך קאָן סתם אַ פרוי ניט אימפּאָנירן. מיין באַדינג, קודם כל, איז — אויפריכטיקע ליבע... און דאָס איז אַ זאַך וואָס מ׳קאָן, מיר־ניט דיר־ניט באַקומען ערגעץ אָדער קויפן... איר פאַרשטייט ? . . .

— יאָ, פריינט רייכמאַן — האָט ראָטשטיין אונטערגעכאַפּט נאָך מיט מער חשק דעם אָנגעצויגענעם שמועס — ווי וואָלט אָבער געווען אַ שטייגער, אַז דאָס ווייבל וואָס איך האָב בדעה אייך צו שדכנען, וואָלט איר יאָ ליב געהאַט? . . . און צו זיין אָפנהאַרציק מיט אייך, ווי איר זייט מיט מיר — האָט איר זי שוין פון לאַנג ליב . . .

די לעצטע ווערטער האָט ראָטשטיין בכיוון שטאַרק אַקצענטירט, כדי אַריינצוגעבן אַ מיין און קלאָרקייט אין די ווערטער, אַז רייכמאַן זאָל אים געהעריק פאַרשטיין.

רייכמאַן איז געבליבן זיצן פאַרווירט און צעטומלט. ער האָט אויפן מאָמענט נישט געקאָנט משיג זיין וואָס ראָטשטיין האָט געמיינט מיט זיין לעצטער באַמערקונג !....

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס וויל דער מענטש בכלל האָבן פון אים?!... רעדט ער אַקאָרשט אים נישט זיין אייגן ווייב אַ שידוך... עדנאַן?!... דער, צו וועלכער ער איז צוגעבונדן מיט יעדן פיבער פון זיין וועזן... דער, וועלכער ער האָט ליב און פאַר הערלעכט מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין נשמה !... אָבער, ווי איז דאָס מעגלעך? נישט אַנדערש אַז דער מענטש איז געווירט פון זינען... און אפשר וויל ער אים נאָר פּראָוון אָדער טרייבן מיט אים ליצנות... אפשר איז ער אים סתם חושד אין זאַכן, אין וועלכע ער איז לחלוטין אומשולדיק?..

כלערליי געדאַנקען, איינער משונהדיקער פון צווייטן, האָבן אים אין לויף פון מינוטן אַרומגעכאַפּט, און ער איז פאַר אַ מאָמענט געבליבן ווי אָן לשון...

ראָטשטיין האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט; האָט ער שוין יאָ אים פאַרינטריגירט מיט דעם שמועס און געעפנט אַ פרייען וועג צו זיין פאַרטראַכטן שפּיל מיט אים, האָט ער שוין ממשיך געווען די אויסשפּרייטונג פון דער נעץ ביזן סוף און זען ווי רייכמאַן וועט דאַן רעאַגירן... זיין צונג איז ביי אים איצט, מער ווי תמיד, לויז געוואָרן, און ער האָט אָן אַן אָפּהאַלט געשילדערט פאַר אים די גוטסקייט און די באַקוועמלעכקייט פון דעם פאַרהייראַטן לעבן און, בעיקר, וואָס פאַר אַ גלייך צוגעפּאַסט פאָר ער און עדנאַ וואָלטן געווען.

— רייכמאַן — האָט ראָטשטיין מיט ווייכקייט און ערנסטקייט אין זיין שטים צו אים גערעדט — איר דאַרפט און איר מיזט מאַכן אַזאַ שריט! דאָס ראָט איך אייך ווי אַ גוטער פריינט... אמת, איר זייט פאַרמעגלעך, מאַטעריעל גוט פאַרזאָרגט, אָבער צווישן אונדז גערעדט, איר האָט נישט קיין היים, ניט אין פיזישן, ניט אין מאָראַלישן און ניט אין אינטעלעקטועלן זין. איר האָט נישט קיין רו, איר זיינט עלנט ווי אַ שטיין.... אַ פּאַסנדיקע ליבנדיקע פרוי וועט אייך געבן אַלץ אין לעבן... אָבער, אום גאָטס ווילן, גריבלט זיך ניט, פילאָזאָפירט ניט אַזייפיל — זייט ניט קיין חקרן... פאַרגעסט נישט, אַז איר ווערט נישט יונגער און, מ'לעבט נישט אייביק!... ליבע האַלט די וועלט צוזאַמען און שאַפט נייע דורות... איר דאַרפט נאָר מושווה ווערן מיט זיך און פּרובירן אייער מזל, דאָס איבעריקע וועט שוין פון זיך אַליין קומען...

— וואָס שייך עדנאַן — האָט ראָטשטיין מיט אַ באַזונדערער התלהבות גענומען איר באַזונגען — האָט איר גאָר קיין באַגריף ניט וואָס פאַר אַ וואונדערלעך שיינער מענטש און גוטער כאַראַקטער זי איז!... זי איז גוט, ערלעך און איבערגעגעבן, אַן אמתע גוטע נשמה... און אַז זי איז שיין, איז דאָך איבעריק פאַר מיר אייך צו דערציילן. איר, מיט אייער עסטעטישן געשמאַק, קען דאָס צום בעסטן אָפּשאַצן... קורץ, זי וועט זיין אַ גליק פאַר אייך; דאָס זעלביקע איר צו איר...

רייכמאַן איז די גאַנצע צייט, בעת ראָטשטיין האָט אַזוי עלעגיש און פייערלעך באַזונגען זיין אייגן ווייב, געזעסן ווי אין אַ דעליריום, אָדער גאָר אַראָפּגעפאַלן



מיטאַמאָל ווי אין אַ טיפן תהום... ער האָט נישט געגלויבט וואָס זיינע אייגענע אויערן הערן... נישט אַנדערש — האָט ער געטראַכט — נאָר אַז זיין פאַרשטאַנד נאַרט אים אָפּ. אים איז עפּעס דער גאַנצער ענין געוואָרן זייער קשה... דאַכט זיך אַן אויסערגעוויינלעכע באַוואונדערונג און באַגייסטערונג פאַר זיין אייגן ווייבס שיינקייט און מידות טובית, און דאָך וויל ער, ראָטשטיין, זיך פון איר באַפרייען.

ראָטשטיינס רייד האָבן אָבער צום סוף אויף רייכאַנען געמאַכט אַ מאָדנע היפּוכדיקע ווירקונג: גראַדעוויז האָט זיין פריערדיקע פלאַמיקע באַציאונג צו עדנאַן אָנגענומען אַן אויסטערלישע ענדערונג. דער איינגעזעסענער חקרן אין אים האָט זיך איצט גאָר שטאַרק דערוועקט און האָט אַרויסגערוקט פאַר אים כלערליי ספקות און אַרגומענטן. אַ פרעמד געפיל צו עדנאַן האָט זיך צוביסלעך צו אים אָנגעהויבן אַריינצוגנב'ענען; אַ געפיל פון דערווייטערונג און פאָרזיכט האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען. דער זיידענער פאָדעם, וואָס האָט אים געהאַלטן ביז איצט צוגעבונדן צו דער פון אים פאַרגעטערטער עדנאַ, האָט מען, ווי מיט אַ שאַרף פון אַ מעסער אומרחמנותדיק איבערגעשניטן... רייכמאַן האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן זיך גריבלען אין דעם קנויל פון זיינע ספקות, צערודערטע געדאַנקען און אָפּנויגונגען.

ווען ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, ווייל ראָטשטיין איז אָפּגעגאַנגען צום פּלוצלינגן טעלעפאָן־קלונג, האָט ער ווי מיט אַ גמרא־ניגון אונטערברומענדיק אַרויסגעפּליסטערט:

— ממה נפשך, מיינט ער, ראָטשטיין, באמת און ערנסט מיט אַלץ וואָס ער האָט דאָ נאָר וואָס פאַר מיר אַרויסגעבראַכט, איז צו וואָס דער גאַנצער עסק?... וואָרים אויב זי, עדנאַ, איז טאַקע אַזוי גוט, פיין פרום, געטריי און איבערגעגעבן, צו וואָס וויל ער, ראָטשטיין, פון איר פּטור ווערן?... און וואָלט זי טאַקע געווען אַזוי וואונדערלעך, ווי ער האָט זי פאַר מיר אָפּגעשילדערט, וואָלט ער דאָך זי מיר נישט געשדכנט, נייערט ער וואָלט זי גיכער פאַר זיך געהאַלטן!... און אויב ווידער, זי איז ניט גוט פאַר אים, מיט וואָס בין איך דאָס אַזוי זיכער, אַז זי וועט זיין גוט פאַר מיר?... עפּעס איז דאָ דער גאַנצער ענין מיר זייער קשה!...

— ניין, רייכמאַן, זיי פאָרזיכטיק... קריך נישט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט... איל זיך ניט... איבערלייג זיך אַ צענדליק מאָל איידער די מאַכסט אַ געוואַגטן און פאַלשן שריט...

דער אַלטער בחור האָט ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל זיך גענומען גריבלען און חקירהן אין זיינע געפילן און מחשבות, און דאָס וואָס ער האָט ביז איצט אַזוי הערלעך, שיין און נשמהדיק פאַרגעטערט; דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דאָס העכסטע גליק — האָט ער, אונטער דעם איצטיקן פּסיכאָז זיינעם, מיט אַ שווער געמיט און צער דורך זיינע ספקות און חקירות פון זיך דערווייטערט...

---

**אויפמערקזאַם !** באַנייט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון”. וואַרט ניט מ'זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס'איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

---

אַ גרופּע שרייבער אין לאָס אַנגעלעס ביים ערשטן ליט. זשורנאַל „מעריב״ אונטער דער רעדאַקציע פון יצחה הורוויץ ע״ה, אין יאָר 1925



די ערשטע רייע פון רעכטס, שטייענדיק: י. פרידלאַנד, ה. רויזענבלאַט ע״ה, אַלטער עסעלין, יוסף קיץ ע״ה, ש. בעלסקי, שפרה ווייס ע״ה, י. ראַשטאַל, ז. בונין, יצחק חורוויץ, ברכה קודלי, שמואל דן, פינטשע בערמאַן.

## רשימה פון באַטייליקטע שריפטשטעלער אין די ביז איצט 25 נומערן „חשבון״

א. אַלמי
יהושע אַלקאַן ע״ה
ישראל אָסמאַן ע״ה
נ. אַזאַלין
יחזקאל בראַנשטיין
יצחק אייזנבערג
ז. בונין
א. באַביטש
ד״ר דוד ברידזשער
נח גאָלדבערג
לוי גאָלדבערג
משה גלאַזער
חיים גראַדע
ש. דאַמניץ
מאַטעס דייטש
שמואל וואוזעק
א. ש. ווייזעל
הינדע זאַרעצקי
יעקב זינגער
ש. ד. זינגער
יעקב זיפּער

מלכה חפץ טוזמאַן
אפרים טויבנהויז
דניאל טשאַרני ע״ה
יצחקי
אַלף כץ
א. כראַבאַלאָווסקי
ה. לאַנג
א. לוצקי
ה. לייוויק
ש. מיללער ע״ה
נ. ב. מינקאָוו ע״ה
י. ל. מאַלאַמוט
איידע מאַזע
לאָטי פּ. מלאך
וו. נאַטאַנזאָן
א. ניסענזאָן
יצחק ניומאַן
ישראל עמיאָט
ש. ערנסט
אַלטער עסעלין

ל. פיינבערג
מ. פערלמוטער
דניאל פּערסקי
י. פרידלאַנד
וו. פרידמאַן
נתן פּאָדעמבערג
ע. פערשלייסער ע״ה
בען צוקערמאַן
סאָלאָמאָן קאַהאַן
אבא קליגער
ברכה קודלי
רחל קאָרן
ד״ר חיים ראַטבלאַט
מלך ראַוויטש
ה. רויזענבלאַט ע״ה
י. ריווין
ד״ר ד. רעבעלסקי ע״ה
נח שטיינבערג ע״ה
אסתר שומיאַטשער
גאָלדע אָרפּין שלאָסבערג

Issue 25, Pages 35 & 36 missing (unavailable).

איך קום צו דיר מיט אַ מילגרוים, אַן אַפּענעם, צעהעלטן,
עס ווײנט אַזוי דאָס טירעלע דײַנס אין מײַנע אויערן,
איך ברענג דיר אַ ליכטל פון האָפנדיקע געצעלטן,
אַ טראָפּן שײַן אויף דײַנע פאַרריגלטע טויערן.

ווי דו, כ׳האָב ס׳אויער פאַרוועדט דעם ניגון פון דער וועלט צו הערן,
און ווי די נאַכט באַהאַלטן זיך אין וויסט־פאַרלאָזענע טונעלן,
געשליכן אין טאָלן פון אומרו אויף סטעזשקעס אָן שטערן,
און די מידע שעה׳ען באַוואַכט אויף שאָטנדיקע שוועלן.

כ׳האָב אויף שליאַכן באַשײַנטע פאַרקירעוועט מײַן וואָגן,
געזעגנט זיך פון דרימלענדיקן חול, דעם בלײַכן ניכטער,
און כ׳פאָר צום לאַנד וואו ס׳הערט ניט אויף צו טאָגן,
צום לאַנד פון די זינגער, וואָס צינדן אָן די שבת־ליכטער.

---

חנה בושעל־סאָלאָוו *)

## אין מידבר

אַ שטורעם האָט צעריסן מײַן היים,
געמאַכט פינצטער מײַנע שויבן! . . .
געוויינט האָט שטיל דער בלויער רוים —
זע גאָט, היט אָפּ מײַנע טויבן!

איך פלאַטער ניט מיט פליגל,
איך גיי גאָר מיט שטילע טריט —
גאָט, היט אָפּ מײַן היים און וויגל,
צו זינגען מײַן שטיל ליד!

בייזער גורל האָט מיך פאַרטריבן,
אין ווייטן לאַנד, אין דער פרעמד!
מײַן ליד אין מידבר געשריבן,
צווישן ענגע ווענט ! . . .

האָסט מיך, גאָט, צעבראָכן אַזוי,
זע היט אָפּ מײַנע טויבן!
דער שטורעם, און ווינט זאָל
זאָלן ניט פאַלן צו די שטויבן ! . . .

---

*) מחברין פון צוויי ביכער לידער: „מײַנע בלעטער“ (1950) און „לידער און אָפּשאַצונגען“ (1959).

לאָטי פּ. מלאך

# אַ קינסטלער, וואָס איז געוואָרן אַ קולט אינעם יידישן לעבן פֿון פּאַריז

(עטלעכע שטריכן צו דער פּערזענלעכקייט פֿון סקולפּטאָר נחום אַראָנסאָן ע״ה)

נחום אַראָנסאָן און זיינע וואונדערלעכע שאַפֿונגען, האָבן פֿאַרכאַפּט מיין אויג בעת איך האָב זיי צום ערשטן מאָל געזען אין דער סטודיאָ פֿונעם באַרימטן סקולפּטאָר. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן קינסטלער אינעם יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון פּאַריז און וועגן דעם מיינע שורות.

געקומען בין איך צו נחום אַראָנסאָן אין דער סטודיאָ אין שליחות פֿון אַ קולטור־ענין — נעמלעך אַ שול אין מאָנטראָי, וואָס איז געעפֿנט געוואָרן אויף זיין נאָמען. איך האָב אָבער פֿאַרגעסן נאָך וואָס איך בין געקומען, ווען איך האָב פֿאַר זיך דערזען דאָס אויפֿגעבראָזט ליכטיק פּנים פֿונעם קינסטלער, וועלכער האָט געהאַלטן אין מיטן דער אַרבעט. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן כאַלאַט, זיין שניי־ווייסע קרוין אויפֿגעשטעלט איבערן הויכן שטערן, זיין תמיד שייך־פֿאַרקעמטע, ווייסע באָרד — דאָס מאָל צעשויבערט — האָט אים געגעבן אַן אויסטערלישן אויסזען...

איך האָב גלייך געוואָלט אַרויסשיסן מיטן ענין וועגן וועלכן איך בין געקומען כדי זיך וואָס גיכער אָפּצוטראָגן פֿון דאָרטן און ניט שטערן דעם שעפֿער אין דער אַרבעט. איז מיר אָבער ממש געפֿאַלן אין אויג אַריין אַ בלייכע פּרויען־פֿיגור איינגעהילט אין אַ „דורכזיכטיקן דעק" און אַ קערפּער, וואָס האָט גערעדט מיט יעדן אבר. און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז מען קאָן פֿילן דעם פּולס פֿון דעם דאָזיקן שטיינערנעם האַרץ. איך האָב ניט געקאָנט אָפּרייסן מיינע אויגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז די דאָזיקע געשטאַלט קער מיר עפּעס אָן — אַ שוועסטער צי אַ טאָכטער...

אינסטינקטיוו האָב איך אַ פֿיר געטאָן מיינע פֿינגער איבער דער ווייטיקלעך שמייכלענדיקן פּנים פֿונעם בלייכן מאַרמאָר און האָב זיך אַ קער געטאָן צום קינסטלער. מסתּמא האָט ער עפּעס פֿאַרשטאַנען וועגן מיין גרויסער פֿאַרוואונדערונג. האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, אַרומגעפֿירט איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער סטודיאָ און מיר געוויזן די אַלע וואונדערלעכע זאַכן וואָס זיינען אַרויסגעקומען פֿון זיין שעפֿעריש קינסטלערישער האַנט. אין אַ שאָטנדיקן ווינקל איז געשטאַנען דער גרייזאַמער ראַספּוטין און געשמייכלט מיט זיין כיטרע טיפֿוּלאָנישן שמייכל. אין דער מיט איז געשטאַנען אַזאַ מין רונדע פּלאַטפֿאָרמע מיט „לעבעדיקע" קינדערשע קעפּעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין אַזוי צעשטיפֿט אַז אָט, אָט, און זיי וועלן אַראָפּשפּרינגען, זיך נעמען יאָגן איבער דער סטודיאָ, אָדער גאָר שפּילן אין באַהעלטעניש.

פֿאַנטאַסטישע סטאַטועס און פּשוטע מענטשלעכע געשטאַלטן, פֿאַרהאָרעוועטע, אָנגעשטרענגטע. די בראָנזענע מוסקלען זיינען געווען אָנגעצויגן און די פּנימער פֿאַרזאָרגטע. אין דער קינסטלעכער איבערגעבורט פֿון דער מענטשלעכער געשטאַלט דערזען מיר זיך בעסער. דורך די געשאַפֿענע פֿיגורן פֿון נחום אַראָנסאָן דערוויסן מיר זיך וועגן דער הערלעכער גראַציע וואָס ס'פֿאַרמאָגט



דער מענטשלעכער קערפּער, וועגן די ביז צום פּלאַצן אָנגעשפּאַנטע מענטשלעכע פֿאַרלאַנגען און באַגערן.

ניט נאָר איז די סטודיאָ פֿון נחום אַראָנסאָן געווען אַ היכל פֿון געטאָקטער, געשניצטער און געהאַקטער קונסט; און ניט נאָר איז דאָס געווען אַ מוזעאום פֿון אויפֿגעזאַמלטע קינסט און אַנטיק־זאַכן, וואָס דער קינסטלער אַליין האָט אין משך פֿון יאָרן צונויפֿגעקליבן, נאָר די סטודיאָ איז אויך געווען אַ צענטראַלער פּונקט פֿון וויכטיקע, געזעלשאַפֿטלעכע אַקציעס.

ניט איין זיצונג פֿון קולטורעלן באַטייט און ניט איין באַשלוס פֿון געזעלשאַפֿטלעכער וויכטיקייט האָט זיך פֿון דאַנען, פֿון צווישן די ווענט פֿון דער דאָזיקער אַרבעט־סטודיאָ אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס פֿון פּאַריז און האָט אָנגענומען לייב און לעבן.

מען האָט פֿאַרלאַנגט אַ סך פֿון נחום אַראָנסאָן אין פּאַריז, מען האָט פֿון אים געפֿאָדערט אַ סך אָנשפּרוך, מער ווי ער איז פֿיזיש געווען אימשטאַנד צו געבן דער געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָרעם דער מעת־לעת האָט פֿאָרט ניט מער ווי 24 שעה און נחום אַראָנסאָן איז פֿריער פֿאַר אַלץ געווען אַ קינסטלער, אַ קינסטלער פֿון כּסדר אָנוואַקסנדיקער שעפֿערישקייט. פֿלעגט ער שאַקע אויפֿשטיין פֿיר־פֿינף פֿאַרטאָג און זיך נעמען צו זיינע שטיינער און מעטאַלן און זיי אַזוי לאַנג צערטלען ביז ער האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן קינסטלערישן חיות.

דערנאָך האָט ער געהאַט אַ שעה פֿאַר יונגע קאָלעגן — ברידער פֿון פֿאַך. אינטערעסאַנט ביז גאָר איז געווען זיין באַציאונג צום יונגן קינסטלער. פֿון קריטיק האָט ער אינגאַנצן נישט געהאַלטן. ער האָט די קריטיק ממש פֿאַראורטיילט. — „וואָס פֿאַר אַ רעכט", פֿלעגט ער זאָגן, „האָט עס עמיצער אַראָפּצורייסן יענעמס אַרבעט? יעדער איינער שאַפֿט לויט זיינע מעגלעכקייטן. די קריטיק כאָוועט ניט דעם קינסטלער, פֿאַרקערט זי איז ווי אַ פּאַראַזיט אויף זיין נאַקן..." ער האָט געהאַלטן אַז די קריטיק איז אינגאַנצן ניט באַרעכטיקט.

„מיר ווייסן", פֿלעגט ער זאָגן, „אַז די קריטיק האָט מער געגרייזט ווי געטראָפֿן. ספּעציעל היינט, ווען זי איז אַזוי שטאַרק קאָמערציאַליזירט געוואָרן..."

פֿונדעסטוועגן איז באַוואוסט אַז די קריטיק האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס נחום אַראָנסאָן איז אַזוי שטאַרק באַרימט געוואָרן.

די יונגע קינסטלער אין פּאַריז פֿלעגן פּשוט קלעפּן אָן אים, גראַד פֿאַר דעם שטאַנדפּונקט זיינעם, און אפֿשר אויך דערפֿאַר וואָס ער האָט אַ סך פֿון זיי געהאָלפֿן, אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים און דורך פֿאַרשיידענע וועגן. זיין סטודיאָ איז געווען אַן אומדירעקטע שול און, אַן אומדירעקטע „הילפֿס־געזעלשאַפֿט."

יעדער געזעלשאַפֿטלעכער קאָמיטעט אין פּאַריז איז געלאָפֿן נחום אַראָנסאָן בעטן ער זאָל דערלויבן אַרויפֿצושטעלן זיין נאָמען. יעדע אונטערנעמונג האָט געוואָלט אים האָבן אין פּרעזידיום. און ער האָט ניט געקאַרגט זיין באַרימטן נאָמען. אַבי ס'איז נאָר געווען פֿאַר אַ גוטן צוועק האָט ער צוגעגעבן זיין אָנזעען. זיין נאָמען איז געוואָרן אַ פֿירמע וואָס האָט פֿאַרדינט צוטרויען. וואָרעם ווי ברייטהאַרציק ער איז געווען אַזוי פֿאָרזיכטיק האָט ער אויך געמוזט זיין, אַז זיין נאָמען זאָל ניט מיסברויכט ווערן.

יעדע רעכטונג האָט געזוכט אים אַריבערצוציען אויף איר זייט. נאָר ער אַליין (אויף וויפֿיל מיר איז באַקאַנט) האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן אינטע־

רעס אין פֿאַרטיאַישקייט; אים איז תמיד געגאַנגען אין דעם וואָס קומט פֿאַר אין מענטשלעכן לעבן אין וואָס האָט אַ פּאָזיטיוון ווערט:

אַ קולטור־פֿאַרבאַנד? פּאָליטיקער ישובֿן זיך. אַראָנסאָן איז דערפֿאַר.

אַ קינדער־קאָלאָניע? — אַוודאי דערפֿאַר. די קינדער־קאָלאָניע פֿלעגט דאָך אַרויסשיקן עטלעכע הונדערט קינדער יעדן זומער אין בערק פּלאַזש ביים ים פֿאַר וואַקאַציע. און אַראָנסאָן איז מער ווי דערפֿאַר; גאַנץ ממשותדיק דערפֿאַר...

עס דערמאָנט זיך די ערשטע אויסשטעלונג פֿון צ.ש.אָ. (צענטראַלע שול אָרגאַניזאַציע) אין פּאַריז. אַ קאָלעקציע פֿון קינדער־שאַפֿונגען פֿון די יידיש־וועלטלעכע שולן איז אָנגעקומען פֿון פּוילן. מיר, אַ גרופּע לערער און טוער, מיטן דעלעגאַט ש. מענדעלסאָן ע״ה בראש, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן אויסשטעלן און אויסהענגען די קינדערישע עקספּאָנאַטן, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך וואָס בעסער אָנזען. ווען מיר זיינען פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און געמיינט אַז מיר האָבן געטאָן דאָס בעסטע וואָס מען האָט נאָר געקענט באַוויזן, האָבן מיר איינגעלאַדן נחום אַראָנסאָן ער זאָל „גוטהייסן.״ האָט ער זיך אַרומגעקוקט, „גוט־הייסנדיק״ צעשמייכלט און העפֿלעך געבעטן מען זאָל „בלויז איבערהענגען געוויסע זאַכן.״ ביסלעכווייז האָט מען אונטער זיין רעזשי אַלץ איבערגעשטעלט.

ווען אַלץ איז געווען אַראַנזשירט האָבן מיר געגאַפֿט אויף דעם גרויסן אונטערשייד. עפּעס האָט יעדעס שטיקעלע און איטלעכס פּיצעלע געפֿונען זיין ריכטיק אָרט און האָט זיך פֿון דאָרט אַרויסגעזען.

ניין, דאָס אויג פֿונעם קינסטלער איז בשום אופֿן ניט דאָס זעלבע ווי דאָס אויג פֿונעם פּשוטן מענטשן.

נחום אַראָנסאָן איז באַרימט געוואָרן באַלד נאָך זיינע ערשטע אויסשטעלונגען מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. באַרימט געוואָרן איז ער אויף דער קינסטלערישער גאַס אין דער גויאישער וועלט דורך זיינע ראַפֿינירטע סקולפּטור שאַפֿונגען. אין משך פֿון יאָרן האָט ער געהאַלטן אין איין שטייגן — דערגרייכט די פּאַריזער סאַלאָנען. אָבער פֿאַר דאָס יידישע לעבן אין פֿראַנקרייך איז ער געוואָרן ממש אַ קולט. מ׳האָט אים פֿאַרהערלעכט און... עקספּלואַטירט. טיילמאָל איז עס אפֿילו געווען אומפֿאַרשטענדלעך: אַ מענטש, וואָס האָט זייער זעלטן גענומען עפֿנטלעך אַ וואָרט, קיינמאָל ניט געהאַלטן קיין רעדעס, און דאָך האָט ער מיט זיין מיינונג תמיד משפּיע געווען פּאָזיטיוו. ער האָט זיך בכלל ניט אָפּגעגעבן מיט באַקעמפֿן אָדער ווירקן לגנאי. אויב ער האָט פֿון אַ געוויסן ענין ניט געהאַלטן, האָט ער זיך ניט פֿאַרנומען דערמיט. ס׳וואָלט געווען שווער אפֿילו פֿאַרן געניטן קריטיקער אָפּצושאַצן וואָס איז געווען גרעסער, שטאַרקער אין נחום אַראָנסאָן: די שטילע פּערזענלעכקייט, צי דער בריזנדיקער קינסטלער? קלאָר איז אָבער, אַז ביידע זיינען געווען גרויס.

אין דער לעצטער מינוט פֿאַר דער מלחמה און דעם גרויסן יידישן חורבן איז נחום אַראָנסאָן מיט זיין פֿרוי געבראַכט געוואָרן, דאַכט זיך, דורכן אַרבעטער קאָמיטעט, קיין ניו־יאָרק. צי איז געלונגען אָפּצוראַטעווען זיינע קונסטווערק איז מיר ניט באַוואוסט. ער איז געשטאָרבן שוין אין טיפֿן עלטער מיט עטלעכע יאָר צוריק. זיין רום אַלס קינסטלער וועט געוויס איבערגיין פֿון דור צו דור. זיין וואַרעמע, שטילע פּערזענלעכקייט וועט אָבער אויך ניט פֿאַרגעסן ווערן; און געוויס וועט זיך געפֿינען עמיצער, וואָס וועט, דורך אַ דלאָטע אָדער פּען, פֿאַרסקולפּטירן זיין אוימפֿאַרגעסלעכע געשטאַלט.



יצחק ניומאַן

# שיר השירים

שיר השירים, דאָס געזאַנג פֿון אַלע געזאַנגען, איז אַ לירישע פּאָעמע וואָס איז אויך גלייכצייטיק פֿול מיט ראָמאַנטישער ליבע און איז געשריבן אין אַ שאַרפֿן בולטן טאָן פֿון ליידנשאַפֿט און פּאַטאָס, און ווערט פֿאַררעכנט אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור פֿאַר דעם שטאַרקסטן ליד פֿון ליבע וואָס איז ווען עס איז געשריבן געוואָרן.

ווען שולמית רעדט צו איר געליבטן אין רופֿט צו אים — איז עס ווי אַ הייסע לאַווע פֿון באַגייסטערטער עקזעלטאַציע:

איך בין אַ רויז פֿון שרון,<br>
אַ ליליע פֿון די טאָלן;<br>
ברענג מיך אין דיינע קאַמערן.<br>
שטאַרקער פֿון טויט איז די ליבע,<br>
האַרט ווי דער קבֿר די אייפֿערזוכט —<br>
ווי אַ פֿלאַם פֿייער, אַ פֿלאַקער פֿון גאָט.<br>
וואַסערן קענען ניט פֿאַרלעשן די ליבשאַפֿט,<br>
טייכן וועלן עס ניט פֿאַרפֿלייצן.

אין די אַכט קאַפּיטלעך פֿון ספֿר אָדער מגילה שיר השירים ווערט אויף אַ ברייטער קאַנווע געמאָלן אין פֿאַרביקע קאָלירן די שיינע נאַטור אין לאַנדשאַפֿט פֿון די יהודה־בערג, פֿון חרמון און כרמל, פֿון די פֿליינען פֿון שרון פֿון די פֿעלדער אין עין גדי, דעם פֿייגנבוים, דעם ווייַנשטאָק און מילגרוים, וואָס בליען אין גיבן אַרויס אַ ריח פֿון בשמים, און די טויבן פֿון צווישן די בערג־שפּאַלטן; די נאַטור־שילדערונג איז גאַנץ פּרעציז, און דער מחבר איז גאָר ניט אויסן צו דערציילן אַ סיפּור המעשה פֿון ראָמאַנס, אַז דער עיקר איז דאָ ניט דער תוך — ווי דער סטיל, דער נוסח און אופֿן פֿון דיכטערס עקספּרעסיווער קונסט. עס איז די שאַרפֿע, הייס־גליענדיקע אויסדרוקן, וואָס קריצן זיך איין אין אייער מוח, וואָס לאָזן איבער אַ שטאַרקן איינדרוק אין אייער זכרון. אויך איז ניט וויכטיק ווער דער אמתער מחבר איז — שלמה המלך? אָדער אַ שפּעטערדיקער פּסעוודאָגראַף. וואָס אונדז געפֿעלט איז די נאַאיוויטעט פֿון דער פּרימיטיווער פּאַסטעך־מיידל, שולמית, וואָס רופֿט צו איר געליבטן. אויך דער פֿאַרגלייך צווישן ליבע און נאַטור איז אויסגעצייכנט:

קום מיין געליבטער, מיר וועלן אַרויס אין פֿעלד,<br>
נעכטיקן אין די דערפֿער און זען<br>
צי עס האָט שוין זיך געעפֿנט די קווייטן,<br>
צי געצוויט האָבן די מילגרוימען;<br>
דאָרט וועל איך געבן מיין ליבשאַפֿט צו דיר...

דער מחבר האָט דאָ נאַטירלעך צוזאַמענגענומען דעם שטייגערלעבן, די תמימותדיקייט פֿון דער דאָרפֿישער סבֿיבֿה, די ליבע און פּאָעזיע פֿון דער נאַטור, און ווי עס ווערן פֿאַרגליכן קינסטלעריש די עמאָציעס פֿון ליידנשאַפֿט, יוגנט־בענקשאַפֿט, מיט דער אויפֿוואַכונג פֿון די דרויסנדיקע נאַטור־כוחות:

וי אַ רויז צווישן דערנער
איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער;
בלומען ווערן שוין געזען אומעטום,
די טירקל־טוב לאָזט זיך שוין הערן,
ויינשטאָקן גיבן שוין בליאונג —
שטיי אויף מיין געליבטע און קום . . .

נאָכדעם ווי ביידע געליבטע, די פּאַסטושקע שילמית און דער מלך שלמה, זיינען מסכים וועגן דער רייפקייט און אויפוואַכונג פון זייער ראָמאַנס אין פּאַראַלעל מיט דער רייפקייט פון דער נאַטור, הויבן זיי אָן צו ריידן גאַנץ אָפענע אָפּגעדעקטע רייד, וואָס פּאַסן גאָר ניט פאַר אַ צניעה, אַ טאָכטער פון ירושלים. דאָס אייגענע איז וועגן יונגן פאַרליבטן מלך.

אָט איז אַ מוסטער פון אַ שילדערונג, ווי אַזוישולמית זעט אויס אין דעם קעניגס אויגן:

דיינע רונדע דיכן ווי אַ צירונג געמאַכט
דורך הענט פון אַ קינסטלער;
דיין נאָפּל, אַ בעכער אַ רונדער,
דיין בויך — אַ הויפן ווייץ,
די בריסט דיינע, צוויי הענגלעך טריבן...

און ווי זעט אויס דער יונגער מלך אין שילמית' אויגן?

דיין קאָפּ אויף דיר ווי דער כרמל,
האָניק און מילך אונטער דיין צונג;
דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן,
וואָס פּיטערן זיך צווישן די ליליען;
דיינע באַקן ווי אַ בשמים־בייט,
דיינע ליפּן ווי אַ רויטער פאָדעם...

אָט אַזוי כסדר אין די גאַנצע אַכט קאַפּיטלעך ווערט דאָס פאַרליבטע פּאָרל גאָרניט מיד ענטוזיאַסטיש צו באַוואונדערן איינער דעם צווייטן; יעדן אבר, יעדן געביין, און מיט אַזעלכע הויך־גזמהדיקע דימענסיעס פון הללויה־קאָמפּלי־מענטן, און אויך פון יעדן גרעזל און זאַמדל אַרום זיי, און דאָס מאַכט צו דענקען אַז שיר השירים איז אַ פּראָדוקט ניט פון דער עלטסטער יידישער פּאָעזיע, נאָר איז אַריין אין לעצטן בוך פון תנ״ך, און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע פּסעוודאָגראַפישע ספרים פון זעלבן מין פון די נישט־זיכערע נעמען פון די מחברים.

פיל מפרשים ווייזן אָן, אַז שיר השירים איז געשריבן געוואָרן נאָענט צו דער העלעניסטישער עפּאָכע, אונטער די גריכישע איינפלוסן. מען קען עס זען פון די איניקע גריכישע ווערטער, ווי אַפּריון, פּרדס, א.א. ווי ווייט יידן האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פעלקער, האָבן זיי ניט געקענט אויסמיידן די גרויסע השפעה פון פרעמדע קולטורן. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן די צוויי הונדערט יאָר גריכישע הערשאַפט איבער יהודה; אויך וואָס אַריסטאָטל איז געווען אַלעקסאַנדער מוקדונ׳ס רבי און זיין תורה האָט שטאַרק באַווירקט יענעם וועלט־טייל, וואָס האָט געבראַכט צוימען און אַריינגעדרונגען צו די געבילדעטע און געלערנטע.



מענדל מלמד

# טאָפּל נומער (22־23) „חשבון“

שוין עטלעכע יאָר ווי אין לאָס אַנדזשעלעס דערשיינט אַ פערטל־יאָר שריפט אונטערן נאָמען „חשבון“, וואָס פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט פונעם יידישן לייענער אַזוי גוט ווי פונעם יידישן שרייבער.

ער פאַרדינט עס צוליב אַ סך טעמים, איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף צוויי:
ערשטנס, שפּיגלט ער אָפּ, אין אַ גרויסער מאָס אַ וואַקסנדיקן יידישן ישוב — לאָס אַנדזשעלעס, דעם צווייטן גרעסטן קולטור־צענטער אין אַמעריקע. דאָס איז אַן עכט לאָקאַלער זשורנאַל.

צווייטנס, האָט „חשבון“ צונויפגענומען דאָס ביסל שאַפנדיקע יידיש יידיש־קייט און צונויפגעבונדן עס ווי אין אַ סנאָפּ.

צום קרעדיט פונעם רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד דאַרף געזאָגט ווערן, אַז הגם ער האָט אין יעדן נומער צוויי אַרבעטן, אוזורפּירט ער ניט די צייטשריפט (ס׳איז כדאי צו פאַרגלייכן מיט אַנדערע זשורנאַלן) און עס בלייבט פּלאַץ פאַר אַנדערע פען־מענטשן.

די ליטעראַרישע אַרבעטן פאַרנעמען אין דעם טאָפּל־נומער 58 זייטן. אַ שאָד וואָס דער זשורנאַל היט זיך אויס פון יעדער סאָציאַלער פּראָבלעם. ווי קאָן מען אָפּטיילן קולטור פון סאָציאַלע פּראָבלעמען?

מיר וועלן פּרוּוון זיך אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע פון די אַרטיקלען וואָס קומען אַריין אין דעם זשורנאַל.

יצחק ניימאַן גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט אויסטייטשן (ניט פאַרטייטשן) די הייליקע ספרים אויף יידיש. אין נומער 20 האָט ער אַ פיינע אַרבעט וועגן די „פּרושים“ ווי אַ פּאָליטישע פאַרטיי. אין דעם נומער 22־23 פאַרנעמט ער זיך מיט דעם געשטאַלט און פילאָסאָפיע פון איוב. אים קומט בפירוש אַ גרויסן יישר־כוח פאַר זיין פּאָפּולער מאַכן די תנ״כ׳ישע געשטאַלטן.

„סאַנדראַ“, אַ דערציילונג פון י. פרידלאַנד, איז איינע פון דער סעריע דער־ציילונגען, וואָס דער מחבר האָט אַ נאָמען געגעבן „אונטער אַמעריקאַנער הימלען.“ אויף דעם געביט האָט י. פרידלאַנד עפּעס אויפגעטאָן. ער האָט אַריינגעטראָגן זיין בינטל פאַרבן אין דער בונטקייט און אָפּשפּיגלונגען פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור אין פאַרשיידענע לענדער.

„סאַנדראַ“ איז אָן ספק אַ פיינע דערציילונג, אָבער אין זיין בוך „רוי־ערד“ געפינען מיר ברייטערע לייוונטן אין שטאַרקערע בילדער.

וואָלט מען געקאָנט אָפּדרוקן אַ לענגערן אַרטיקל וואָלט געווען באַזונדערס וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף מאַטעס דייטש גרויסן צושטייער צום „חשבון“

איז טאַקע מכ־ח שיר השירים געווען אַ פראַגע צו לאָזן עס אין דרויסן. נאָר אַ דאַנק רבי עקיבא איז עס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. ער זאָגט: (אין משנה ידיים ג׳) „שיר השירים איז קודש קדשים, בשעת אַנדערע ספרים זיינען נאָר קודש.“ אויך טייטשט רבי עקיבא שיר השירים ווי אַן אַלעגאָריע פון אַ מעטאַ־פאָרישן דיאַלאָג צווישן גאָט און דער כנסת ישראל, ווייל גאָט, ישראל, און די תורה זיינען איינס.

גלייך פונעם ערשטן נומער אָן. זיינע אַרבעטן — געווייַנטלעך גיט ער קריטישע באַמערקונגען — זיינען קורצע זאַכלעכע אָפּהאַנדלונגען. זיי זיינען געשריבן טרעפלעך און פּיקאַנט. הגם די שפּראַך איז אַביסל צו „מאָדערן", בליצט ער אָבער מיט חריפות פון געדאַנק און אָריגינעלן וואָרטשפּיל. אין דעם נומער האָט ער אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן יאָסל קאָהנס בוך עסייען „ביים דאַנד פון אָנהויב."

גאָר אַ נייעס איז לעצטן נומער „חשבון" איז די אַרבעט פון י. ראַשעל וועגן טעד גיליען, דעם מאַלער פון סאָציאַלע מאָטיוון. הגם י. ראַשעל איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער באַהאַנדלונג פון פּלאַסטישער קונסט, איז עס אָבער זיין ערשטער און גאָר געראָטענער אַרויסטריט אין „חשבון". ראַשעל האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דאָס יידישע אין דער פּלאַסטישער קונסט. ער האַלט, אַז ביי טעד גיליען האָט ער געפונען אָט „דאָס פּינטעלע."

דאָס אַרטיקעלע איז געשריבן אין זייער אַ קאָנדענסירטער פאָרם. אויף צוויי זייטלעך האָט אונדז ראַשעל עפּעס מתקן געווען.

אין זשורנאַל נעמען אנטייל שרייבערס און דיכטערס, טייל פון זיי אָנגעזעענע מיטגלידער פון אונדזער יידישער ליטעראַטור־משפּחה, ווי למשל: ישראל עמיאָט, אַבא קליגער, אַלף כץ, לוי גאָלדבערג, א־ן אַנדערע. ווילט זיך אויך אָנווייזן, טאַקע מער ניט ווי אָנווייזן, אויף דעם דיכטער פינטשע בערמאַן, אַן אַלטן תושב אין לאָס אַנדזשעלעס, ווי דאָס איז צו זען אויך פון זיינע צוויי לידער אין לעצטן נומער.

עס ווילט זיך אויך דערמאָנען נח גאָלדבערגס פּרעכטיקע דערציילונג „די פּאָדקאָווע".

וועגן דער דערציילערין גאָלדע אַרפּין און פּובליציסט א. כראַבלאָווסקי וועט אויסקומען ווען ס'איז צו שרייבן באַזונדער.

---

*) מיר האָבן איבערגעדרוקט דאָס אַרטיקעלע פון „פ.אַ.ש" פון 15טן פעב. 1961 (אַ זאַך וואָס מיר טוען זעלטן) צוליב כמה וכמה טעמים. ראשית כל, צוליב דעם יובל־נומער 25 „חשבון"; שנית, הערן מיר אַזוי זעלטן, כמעט ווי גאָרנישט, פון די פען־מענטשן ביי דער יידישער פּרעסע מכוח דער דערשיינונג פון יידיש־ליטעראַרישע זשורנאַלן. מיר האַלטן אַז דאָס פאַרשוויגן איז ניט נאָר אַן עוולה נייערט אַן אומפאַרגעבלעכער „סנאָביזם". בעת מען צעשפּרייט זיך גאַנץ ברייט־לעך איבער אַ ביבל לידער, צווישן צוויי טאָוולען, פאַרזעט מען אָבער לגמרי יידיש־ליט. זשורנאַלן, וואָס טראָגן אויף זיך מער־ווינציק אַ קולטור־געזעלשאַפט־לעכן חותם. מיט וואָס איז אַ בוך פון אַ יחיד מער חשוב צו שרייבן ווי איבער אַ זאַמלונג פון אַ ציבור, וועמעס אויסגאַבע איז ניט אַן „איינמאָליקע" נייערט אַ באַשטענדיקע !?

צו וואָס פאַרגיסן קראָקאָדיל־טרערן אויף דער ביטערער מערכה פון יידיש, ווען די זעלביקע טוען ניט דאָס מינדסטע צו דערמוטיקן די עקשנים, די פאַר־שפּרייטער פון יידישן וואָרט; בעיקר, אַן אויסגאַבע וואָס דערשיינט אין דער וויט־ווייטער לאָס אַנגעלעס און פּילט באַשטימט אויס אַ חלל אין היגן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואו ס'איז ניטאָ קיין שמץ אפילו פון אַ יידיש געדרוקט וואָרט.

בכן, ווען מ'זעט יאָ אַמאָל אפילו אַ קורצע רעצענזיע איבער אַ יידישן זשור־נאַל איז עס ממש פּלאי־פּלאים — אַ גאָר זעלטענע דערשיינונג ! (רעד.)



**גאָלדע שלאָסבערג־אַרפּין**

# צוויי און אַ דריטער

(סקיצע)

אסתר, די פרוי פון בלינד־געוואָרענעם אַברהם גינזבערג, איז געווען אַביסל העכער פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק, מיט אַ קאָפּ גאָלדן־בלאָנד האָר; אַ ליכטיקן בליק אין אירע בלוי־גרויע אויגן, און אַ ליבלעך פּנים פון אַ מלאך.

ווען אַברהם האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ יאָר זיין אין קריג, וואו ער האָט פאַרלאָרן זיינע אויגן, איז אסתר געוואָרן זיין ליכטיקייט...

אברהם האָט אין זיין פינצטערניש זיך תמיד אָנגעהאַלטן אין אסתרס אָרעם און געפילט דאַן זיין טראָט זיכערער.

אַברהם קאָן זיך איצט ניט דערמאָנען די צייט ווען ער איז געווען אָן זיין אסתרן, חוץ דאָס ביטערע יאָר אין קריג. אויך דאָרט איז זי געווען ביי זיין זייט און אין זיין געדאַנק.

געקאָנט האָבן זיי זיך פון זייער פריער יוגנט; האָבן צוזאַמען די הויך־שולע געענדיקט;ביידע זיינען זיי געווען גוטע שילער, א־ן דערנאָך „געמיידזשאָרט" אין מוזיק.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט אַברהם פאַרנומען אַ גוטע שטעלע אַלס פידל־שפּילער און אסתר, דאַן שוין זיין פרוי, האָט געגעבן פּיאַנאָ לעקציעס אין זייער היים.

ווען מען האָט אַברהמען נאָך אייניקע וואָכן אין שפּיטאָל אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש פון זיינע אויגן און ער האָט שוין מער די ליכטיקע וועלט ניט געזען, האָט אים ניט אַזוי געאַרט זיין בלינד ווערן... ווי דער געדאַנק וואָס האָט אים געמאַטערט: — אסתר! ווי אַזוי וועט זי עס אויפנעמען? ער האָט טאָג און נאַכט געקעמפט מיט זיך: וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער איר לאָזן וויסן, אָדער גאָר פאַר־שווינדן שפּורלאָז ווען ער וועט באַפרייט ווערן? — האָב איך רעכט צו פאַר־שקלאַפן זי צו זיך?... — האָט ער געטראַכט. אָט־די געדאַנקען האָבן אים ניט געגעבן קיין רו!

ווען אסתר האָט זיך דערוואוסט פון איר מאַנס בלינד ווערן, איז זי תיכף צו אים אין שפּיטאָל געקומען, אים געקושט און פאַרזיכערט מיט איר שטאַרקער ליבע צו אים. זי האָט אָפּגעווענדעט אַלע זיינע רייד, וועלכע ער האָט געוואָלט איר איבערצייגן, אַז עס וועט איר ניט זיין גאָר לייכט אַכטונג צו געבן אויף אַ בלינדן... נאָך לענגערן בעטן זיך ביי אים, האָט ער דאָך נאָכגעגעבן.

ווען אַברהם איז געקומען אַ היים איז אים יעדער ווינקל פון שטוב געווען באַקאַנט, ליב און טייער. אונטער אַ וואַכזאַם אויג פון אסתרן איז ער אַרומגע־גאַנגען פון איין אָרט צום צווייטן מיט אַ „זיכערן" טראָט.

אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן פלעגט אסתר שפּילן פּיאַנאָ פאַר אים א־ן אברהם, מיט זיינע ניט זעענדיקע אָפענע אויגן, פלעגט פילן ווי די לירישע טענער וועבן זיך אַרום אים און אין אים; דורך די קלאַנגען וואָס די פּיאַנאָ האָט אַרויס־געגעבן, האָט ער „געזען" זיין טייערע אסתרן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אסתרס אויסטייטש פון שאָפּענס מוזיק. און כאָטש נאָך אַ טאָג שווער אַרבעטן, געבנדיק פּיאַנאָ לעקציעס, כדי צו דערנערן זיי ביידן, איז אים קיינמאָל ניט געווען

שווער צו שפּילן פֿאַר אים. זי האָט זייער גוט געוואוסט וואָס איר שפּילן מיינט צי אים, און האָט אים קיינמאָל ניט געלאָזט וויסן איר מידקייט...

שוין אַריבער עטלעכע חדשים ווי אַברהם איז געקומען פֿון שפּיטאָל אַהיים. אסתר פֿלעגט זיך בעטן ביי אים ער זאָל נעמען די פֿידל און שפּילן: — „זאָל זיין דערוויל" — פֿלעגט ער זיך בעטן ביי איר מיט זיינע אָפֿענע בלינדע אויגן. און דערביי אַ גלעט טאָן איבער איר שיינעם קאָפּ. איינמאָל האָט ער דאָך געפֿועלט ביי זיך און גענומען די פֿידל אין האַנט!ביידע האָבן געשפּילט זייער ליבלינג „סאָנאַטאַ". די פֿידל אין זיינע הענט איז ניט געווען ווי אַן אינסטרומענט פֿון האָלץ און סטרונעס, וואו פֿלינקע געניטע פֿינגער פֿירן דעם בויגן איבער די סטרונעס, נאָר עס איז געווען ווי אַ נשמה־פֿידל פֿון בלוט און נערוון, וואָס האָט גערעדט און אויסגעוויינט דורך זיינע אידעלע פֿינגער... און ווען זיי האָבן געענדיקט שפּילן, האָט אסתר אַריינגענומען זיינע הענט אין אירע און זיי וואַרעם געקושט . . .

די ליבע וואָס אסתר האָט אים אַרייסגעוויזן, האָט געשטראַלט אין זיין פֿינצטערער וועלט — געבנדיק אים דעם נויטיקן כוח אָנצוגיין מיטן לעבן.

ווען אסתר רעדט צו אים, פֿילט ער ווי וואונדערלעכע וואַרעמע כוואַליעס טראָגן זיך צו אים איבער און פֿליסן אין זיינע נערוון און בלוט.

פֿאַר די צוויי יאָר וואָס אַברהם איז צוריקגעקומען אַ בלינדער, און זיין אסתר פֿירט אים, און באַלייכט אים זיין וועג, האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן, אַז אַברהם זאָל חלילה זיך אָן עפּעס אָנשטויסן אָדער אַ קלאַפּ טאָן.

אסתר, די פֿרוי פֿון דעם בלינד געוואָרענעם אברהם, לעבט אין צוויי וועלטן: אין אַ ליכטיקע און אַ פֿינצטערע. מיט גרויס ליבע, צער און רחמנות פֿאַרמאַכט זי די אויגן צו דער ליכטיקער וועלט אַרום איר; און איינגעלעבט זיך אין דער פֿינצטערער וועלט מיט אים, מיט איר אַברהמען.

דאָס לעבן אַרום זיכט זיך אַריינצורייסן אין איר פֿינצטערער וועלט און זוכט זיך אַ שפּיל טאָן מיט דער שיינקייט אירער... און די שיינקייט הייסט, רופֿט, און מאָנט, און שרעקט איר נשמה... זי גייט אַרויס אין דרויסן, לאָזט זיך גלעטן פֿון דעם קילן ווינטל איבער איר צעפֿלאַמט פּנים, און נאָך אַ לענגערן שפּאַציר קומט זי צוריק אַהיים. איינמאָל האָט זי געטראָפֿן אַברהמס אַן אַלטן פֿריינט אין הייז, וועלכער איז שוין אַ לענגערע צייט ניט געווען ביי זיי. זי האָט זיך דערפֿילט אַביסל שולדיק פֿאַר זיין געפֿינען אַברהמען אַליין...

אסתר האָט אים געגעבן די האַנט; האַלטנדיק איר האַנט האָט ער איר גוט באַטראַכט: צי די יאָרן פֿון אברהמס בלינדקייט האָט געווירקט אויף איר שיינקייט..

דער פֿריינט איז געקומען זיי איינלאַדן צו גיין צו אַ קאָנצערט. ווען זיי זיינען אַרויס אין דרויסן איז די לופֿט געווען אַ קאַלטע, אַ טרוקענע, מיט אַ קלאָרן אויסגעשטערנטן הימל איבער זיי, וואָס האָט אויסגעזען איסערגעוויינלעך שיין און פֿאַנטאַסטיש. די גרויס־שטאָטישע הויכע געביידעס האָבן ווי געזוכט איינע די אַנדערע איבערשטייגן, ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרמאָסטן, ווער וועט פֿריער דער־גרייכן צו דעם אויסגעשטערנטן הימל. אַלץ האָט אסתרן איצט פֿאַרכאַפּט און געמאַכט איר האַרץ צו ציטערן...

זאַלבע־דריט זיינען זיי געגאַנגען נאָענט צוזאַמען: ער, דער חבר זיינער, מיט אַ קאָפּ העכער פֿון זיי ביידן, האָט געהאַלטן אין איין קוקן איצט אויף אסתרן.



זיינע אויגן, טיף־זעענדיקע, שפּילעוודיקע, וואָס קוקן אויף דיר, דרינגען אַריין אין דיין נשמה און אין האַרצן... אסתר פֿילט עס און האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דעם געדאַנק און וויל ניט טראַכטן וועגן דעם...

אסתר האַלט פֿעסט אַברהמען אונטערן אָרעם — אירע אויגן דאַרפֿן דאָך דינען ביידן, עס זאָל חלילה ניט שטערן דעם טראָט פֿון איר בלינדן מאַן. איצט וויל זי נאָך זיין מער פֿאָרזיכטיק... מיט זיכערע טריט גייט אַברהם; עס פֿירט דאָך אים זיין אסתר מיט אירע לויטערע זונען־אויגן. דער פֿריינט זיינער רעדט די גאַנצע צייט; ער זאָגט: „סאַראַ וואונדערלעכע נאַכט!" און אסתר קוקט אַרויף צום הימל, זעט די ליכטיקע שטערן און דעם קלאָרן הימל און גיט צו: „יאָ, ס'איז אַ וואונדערלעכע נאַכט"!...

פּלוצלינג האָט עפּעס געטראָפֿן: דעם בלינדנס פֿוס האָט זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס און שיר ניט אומגעפֿאַלן.

אַ שרעקלעך געפֿיל איז אברהמען באַפֿאַלן ביי דעם מאָמענט: קיינמאָל פֿאַר דעם האָט אַזוינס מיט אים ניט געטראָפֿן אין די לעצטע יאָרן, ווען זיי פֿלעגן בלויז ב יי ד ע ג יי ן . . . יאָ, עס איז דער שטרויכל־שטיין וואָס האָט אים געשראָקן נאָך דאַן, אין די טעג און נעכט אין שפּיטאָל. און אַפֿילו אין זיין זיכער־סטן גיין מיט איר, וואָס האָט אים געגעבן רו, האָט ער אַלץ געקלערט וועגן שטרויכל־שטיין . . .

ווען ער האָט אָנגענומען אסתרס האַנט איז זי געווען אייז־קאַלט... די קעלט האָט אים אויפגעציטערט... ער האָט איצט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אירע אויגן זיינען געווען געווענדט צו דעם דריטן, וועלכער איז מיט אַ קאָפּ העכער פֿון זיי ביידן... עס האָט אין אים אַ ציטער געטאָן זיין האַרץ... און, שטיל, ניט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, זיינען זיי איצט געגאַנגען צום קאָנצערט...

א. כראַבאַלאָווסקי

# נאָטיצן פֿון יידישן קולטור־לעבן

## דער פֿייערלעכער פּרעמיע־אָוונט אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב

לאָמיר קודם כל איבערגעבן דאָס שטיקל נייעס וואָס איט"א (יידישע טעלע־גראַפֿן אַגענטור) האָט צוגעשיקט צי אַלע יידישע צייטונגען, וואָס דערקלערט די געשיכטע פֿון דער פּרעמירונג; עס ווערט דאָרט דערציילט דאָס ווייטערדיקע :

„לאָס אַנדזשעלעס, אַפּריל 1, 1960. — אַ נייער ליטעראַטור־פֿאָנד, וואָס וועט געבן פּרעמיעס פֿאַר אָפּגעדרוקטע דערציילונגען און עסייען אין די יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער, איז דאָ געגרינדעט געוואָרן א"נ „י. פֿרידלאַנד ליטעראַטור פֿאָנד."

„אָנהייבנדיק פֿון יאָר 1960 וועט דער פֿאָנד, אויף דער רעקאָמענדאַציע פֿון אַ קאָמפּעטענטער זשורי, יעדן יאָר אויסטיילן 400 דאָלער — 200$ פֿאַר דער בעסטער דערציילונג און 200$ פֿאַר דער בעסטער עסיי." — — — און שבת, דעם 21טן יאַנואַר ד"י, איז אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב פֿאָרגעקומען אַ פֿייערלעכער אָוונט לכבוד דעם גרינדער פֿון ליטעראַטור פֿאָנד, פֿריינד י. פֿריד־לאַנד, און פֿאַר די געווינער פֿון די פּרעמיעס.

מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכן, אַז דערמיט וואָס פֿריינד פֿרידלאַנד האָט באַשלאָסן אַדורכצופֿירן די פּרעמירונג אויפֿן אָרט, האָט ער אונדזער לאָס אַנדזשעלעס „אַנטוואוינט" פֿון גרויסן יידישן קולטור־צענטער ניו־יאָרק; זי געשטעלט אויף די אייגענע פֿיס און דערמיט געגעבן די שענסטע מתנה אויך די אָרטיקע יידישע שריפֿטשטעלער און דער יידיש־קולטורעלער לאָס אַנדזשעלעס.

אין דער זשורי, וואָס האָט באַשטימט די פּרעמיעס, זיינען געווען: יחזקאל בראָנשטיין, מאַטעס דייטש און הערי לאַנג, מיט דער באַטייליקונג פֿון י. פֿרידלאַנד. פּרעמירט זיינען געוואָרן: די דערציילונג „דאָס אמתע בילד", פֿון יעקב זיפּער, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע; און די עסיי „דער נס בעל שם טוב" פֿון א. שטיינמאַן, ישראל, געדרוקט אין דער „גאָלדענער קייט."

דער פּאָרזיצער פֿון אָוונט, פֿריינד הערי לאַנג, האָט גערעדט וועגן דער היסטאָרישער קייט פֿון מענטשן, וואָס האָבן געשטיצט די יידישע ליטעראַטור אין פּראָזע און פּאָעזיע, וואָס ציט זיך פֿון דער גאָלדענער שפּאַנישער עפּאָכע ביז איצט און צוו"אַ באַמערקט ער, אַז עס געשעט דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ שרייבער, אַליין אַן עסייאיסט און נאָוועליסט, זאָל געבן מתנות צו אַ צווייטן שרייבער.

די באַקאַנטע זינגערין, אַניטאַ פֿריינדליך, האָט באַשיינט דעם אָוונט מיט אַ ציקל יידישע לידער.

עס האָבן באַגריסט די גרינדער פֿון ליטעראַטור־פֿאָנד: דער דיכטער פּינטשע בערמאַן, אין נאָמען פֿון זשורנאַל „חשבון", און יעקב ניומאַן, אין נאָמען פֿון ל. א. יידיש קולטור־קלוב.

באַגריסונגען דורך בריוו און טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען פֿון אַ גאַנצער רייע באַקאַנטע שריפֿטשטעלער און דיכטער.

די צוויי הויפּט־רעדנער פֿון אָוונט זיינען געווען: מאַטעס דייטש און יחזקאל בראָנשטיין, וואָס האָבן אויף אַ געלונגענעם אופֿן איבערגעגעבן דעם אינהאַלט און זייערע אָפּשאַצונגען פֿון די צוויי פּרעמירטע ווערק. אַ קיצור פֿון ביידנס אַרויסטרעטונגען זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם היינטיקן נומער (25) „חשבון".

צום סוף האָט דער גרינדער פֿון ליטעראַטור־פֿאָנד, י. פֿרידלאַנד, איבערגעגעבן דער זשורי די צוויי טשעקס צו $200 יעדערער און דערביי געגעבן די וויטערדיקע דערקלערונג:

דער בשותּפֿותדיקער באַשלוס פֿון אים און זיין פֿרוי צו גרינדן דעם ליטעראַטור־פֿאָנד, באַגרינדעט ער דערמיט, וואָס אויף אַנדערע זאַכן, ווי צדקה אין פֿאַר ישראל, זיינען פֿאַראַן אַ סך שטיצער — אויף ליטעראַטור און יידישער קולטור בכלל — ווייניק, טאַקע נאָר געציילטע.

„איך האַלט", זאָגט ווייטער פֿריינד י. פֿ., אַז חוץ די פֿרייד פֿון געבן, טאָן מעשים טובים ביים לעבן, געניסט דער געבער טאָפּלט, סיי עולם הזה, סיי עולם הבא."

י. פֿרידלאַנד שטעלט זיך אָפּ אויף אייניקע נעגאַטיווע מאָמענטן, וואָס האָבן געשאַפֿן אַרום די ליטעראַרישע פּרעמיעס אין דערקלערט:

„איך האָב דעריבער געזוכט אויסצומיידן אָט־די אומנאָרמאַלקייט אַרום דעם ענין. זייענדיק אַליין אַ נוגע בדבר, ד"ה, ניט קיין פֿרעמדער אין דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך גענומען דעם ענין אונטער מיין אייגענער השגחה.



איך האָב אַליין באַשטימט אַ זשורי פֿון ל. א. יידישע שרייבער און צוזאַמען מיט זיי געלייענט און דיסקוטירט די אַריינגעקומענע שאַפֿונגען פֿון די שרייבער, און צוזאַמען האָבן מיר זיך געאייניקט אויף די בעסטע אַריינגעקומענע שאַפֿונגען. אַזוי אַרום האָט ניט געקענט זיין קיין פֿייוואָריטיזם. דער אויסקלייב איז געווען נאָר לויט דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט פֿון דער שאַפֿונג. דאָס זיינען די תקנות אַן פּרינציפּן פֿון דעם „י. פֿרידלאַנד ליטעראַטור־פֿאָנד", לויט וועלכע די זשורי, די איצטיקע, אָדער אַן אַנדערע, וועט זיך דאַרפֿן רעכענען."

אינטערעסאַנט זיינען די צאָל און די ערטער פֿון די אַריינגעקומענע ליטעראַרישע שאַפֿונגען: פֿון ישראל — 5 דערציילונגען; פֿון ניו־יאָרק — 4; פֿון פּאַריז — 1, פֿון ריאָ דע זשאַנייראָ, בראַזיל — 1; פֿון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע — 1.

ליטעראַרישע עסייען: פֿון ניו־יאָרק — 6; פֿון אַרגענטינע — 2; פֿון תּל־אביב — 1; פֿון שיקאַגע — 1. צוזאַמען 10 עסייען, 12 דערציילונגען. חוץ דעם האָט די זשורי זיך באַקענט מיט אַנדערע שאַפֿונגען אין אַ גרויסער צאָל ליטעראַרישע זשורנאַלן פֿון אַלע עקן וועלט.

י. פֿרידלאַנד באַדאַנקט דעם קולטור־קלוב פֿאַר איינאָרדענען די פֿייערונג; דער זינגערין אַניטאַ פֿריינדליך, די באַגריסער פּינטשע בערמאַן און יעקב ניומאַן, און זאָגט: „אַ דאַנק דער זשורי, די קאָלעגן יחזקאל בראָנשטיין, מאַטעס דייטש און הערי לאַנג, פֿאַר זייער איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט. צוזאַמען מעגן מיר זיך גראַטולירן, ווי דער קולטור קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָט אונדז שוין באַגריסט, אַז ס'איז אַלעמענס מיינונג, אַז דער אויסקלייב איז געווען אַ געראָטענער און איך האָף, אַז אין 1961 זאָל עס ניט זיין ערגער."

* * *

אין שייכות מיט דער אויבן־באַשריבענער געשעעניש — און ס'איז באמת געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין קולטור־לעבן פֿון לאָס אַנדזשעלעס — ווילן מיר דאָ באַרירן אַ צווייטע וויכטיקע פּראָבלעם פֿון אונדזער יידישן קולטור־לעבן.

אין אַ פֿריערדיקן נומער (24) „חשבון" איז געבראַכט געוואָרן אַ קיצור פֿון י. פֿרידלאַנדס אַ פֿאָרלעזונג אין קולטור־קלוב וועגן מאַנגל פֿון אַ יידיש־וועלטלעכן נוסח פֿאַר אַ סך פֿון אונדזערע יום־טובים און תעניתים. אויך אין דעם פּרט דערוואַרטן מיר, אַז פֿון אונדזער גרויסן קולטור־צענטער, ניו־יאָרק, זאָל קומען די ישועה. צי וואָלט אָבער ניט בעסער געווען, ווען מיר אַליין נעמען צוזאַמען די שרייבערישע און קינסטלערישע כוחות וואָס געפֿינען זיך ביי אונדז און פּרובירן אַליין עפּעס טאָן אויף דעם געביט, ווי ס'איז געשען מיטן „י. פֿרידלאַנד ליטעראַטור־פֿאָנד", וואָס מ'קען זיך געוויס מיט דער אויספֿירונג ניט פֿאַרשעמט ווערן קעגן ניו־יאָרק!

אַגב, לאָמיר זיך ניט נאַרן און צוגעבן, אַז אויך אַ סך אַנדערע קולטור־אָוונטן, וואָס ווערן וואָך־איין וואָך־אויס איינגעאָרדנט אין קולטור־קלוב, פֿעלט נ ו ס ח, פֿעלט אַביסעלע קינסטלערישע וויזיע און טעאַטער־פֿאָרמען, וואָס מ'וואָלט געקענט דערגרייכן אפֿילו מיטן צוזאַמענשטעל פֿון די זינגער, רעציטאַטאָרס און פֿאָרלייענער, וואָס טרעטן אַרויס אויף די אָוונטן.

אויפֿן אָסיפּ דימאָוו טעאַטער־אָוונט, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קולטור קלוב, מיטן אַנטייל פֿון די בינע־אַרטיסטן, ווינאָגראַדאָוו און טרייבוש, האָט דער פֿאָרזיצער פֿון קולטור־קלוב, פֿריינד פֿרידלאַנד, אין זיין אַריינפֿיר צום אָוונט,

באַמערקט, אַז ליידער האָבן מיר ניט קיין יידישן טעאַטער און דעריבער זיינען אַזעלכע טעאַטער־אָוונטן אַזוי וויכטיק. דאָס איז בלי ספק אמת. אָבער לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז אין קולטור־קלוב זיינען פאָרגעקומען גאַנץ געלונגענע טעאַטער אָוונטן, כאָטש ניט מיט טעאַטער־קאָסטיומען און דעקאָראַציעס. איינער אַזאַ אָוונט איז געווען איינגעאָרדנט צום דערשיינען פֿון „דוד עדעלשטאַט בוך.“ אַט־דער אָוונט, קען מען זאָגן, איז געווען ליטעראַריש־קינסטלעריש צוגעגרייט און רעזשיסירט לויט אַ סקריפּט באַזירט אויפן עדעלשטאַט בוך געשריבן פון הערי לאַנג, מיט די אָנווייזונגען פון בינע־קינסטלער אליהו טענענהאָלץ. ער איז טאַקע געווען דער רעזשיסאָר און נאַראַטאָר פון אָוונט.

אַ צווייטער געלונגענער טעאַטער־אָוונט איז געווען דאָס אויספירן אויף דער קליינער בינע פון קולטור־קלוב טיילן פון „שולמית“. אויך אַנדערע אָוונטן, איינגעאָרדנט דורכן קולטור־קלוב זיינען געווען טעאַטראַליש געלונגענע. ווען למשל דער נאַראַטאָר דערקלערט דעם מהות פון אַ דיכטערס שאַפונגען און די זינגער, רעציטאַטאָרס, פּאָרלייענער, זיינען די, וואָס אילוסטרירן דעם נאַראַטאָרס אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען — איז עס קינסטלערישע פאָרם.

צוליב וואָס דערמאָנען מיר עס דאָ אַלץ? ווייל ווי דער זייער חשובער קולטור־דירעקטאָר פון קלוב, פריינט יעקב ניומאַן, האָט געזאָגט אין זיין באַגריסונג אויפן פייערלעכן אָוונט פונם „י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד“, געפינען זיך ביי אונדז נאָך מענטשן, אַוודאי גוטע קולטור־יידן, וואָס זיינען גרייט צו געבן גרעסערע סומען אויף אַזעלכע קולטור־פאָנדן, אָבער טרעפן זיך אָן אויף שוועריקייטן ווי אַזוי דאָס אויסצופירן. פאַרוואָס זאָלן אַזעלכע יידן ניט מנדב זיין געוויסע סומען פאַר אַ טעאַטער־גרופּע, אין וואָס דאָס יידיש־קולטורעלע לאָס אַנדזשעלעס נויטיקט זיך ווי דאָס לעבן.

מיר האָבן ידיעת, אַז אַזאַ טעאַטער־גרופּע שאַפט זיך דאָ. הלוואי זאָל עס זיין אמת ויציב, דאָס הייסט, גאָר גיך בימינו פאַרווירקלעכט ווערן. מיר פאַרמאָגן דאָ אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זייער לעבן פאַרבונדן מיט יידיש טעאַטער; מיר פאַרמאָגן ב״ה גוטע זינגער, רעזשיסאָרן — עס פעלט אָבער אַ טעאַטער־קאָלעקטיוו, וואָס זאָל זיי אַלע צוזאַמענעמען, זיי זאָלן פאַרבויגן פערזענלעכע אַמביציעס און אַרבעטן בשותפות פאַר דער אויפהאַלטונג פון יידישן טעאַטער, כאָטש אין אַ באַשיידענער פאָרם און געבן בעסערן אינהאַלט און שענערן פאָרם אַנדזערע קולטור־איינאָרדענונגען.

און, נישקשה, זאָל נאָר געשאַפן ווערן אַזאַ טעאַטער־קאָלעקטיוו, וועט עס ווערן אַ יש, וועט דער „לא אלמן ישראל“ זיין מיט זיי. מיר מיינען דאָ ניט דעם פסוק אַליין, נאָר די יידישע קולטור־מענטשן, וועלכע שטיצן און אַרבעטן פאַרן קולטור־קלוב, שטיצן דעם „תשבון“; און מיר זיינען זיכער, וועלן אויך שטיצן אַ טעאַטער־גרופּע אין לאָס אַנדזשעלעס.

---

**שיקט אַריין אייער אַבאָנענט אָפּצאָל.**

טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסן טייל פון אונדזערע לייענער.

---



# צו ערשטער פייערונג פון אויסטיילן די פרעמיעס

1טן יאַנואַר, 1961, תל־אביב

חשובער פריינד י. פרידלאַנד, חשובע סופרים
און געערטע פאַרזאַמלינג פון קולטור־קלוב אין לאָס אַנגעלעס:

שמחת־תורה איז ביי יידן די גרעסטע שמחה.

איז ביי מיר אַ גרויסע פרייד צו וויסן, דאָס אין דעם ווייטן מערב פון אַמע־ריקע קומען זיך צונויף הייַנט דעם 21טן יאַנואַר, 1961, עטלעכע מנינים יידן צו הערן אַן אָפּשאַצונג פון חשובע תלמידי חכמים איבער אַ חיבור, וואָס האָט אָנגעשריבן איינער אַ ישראל־ייד איבער דעם גרויסן רבי ישראל בעל־שם־טוב, דער שטאָלץ און די קרוין פון יידישער חכמה און פרומקייט אין די לעצטע יאָרהונדערטן פון אונזער געשיכטע.

דער בעל־שם־טוב האָט אונז געלערנט, אַז גאָט איז אין אַלץ, און וואו נאָר אַ פונק פון ליכט דאָרט איז ער. אין ווידער האָבן מיר אַ קיימאלן פון אונדזערע פאַרצייטיקע חכמים, אַז גאָט, תורה און יידן זיינען געקניפּט און געבונדן. גלויב איך, אַז וואו יידן זיצן און זיינען עוסק בתורה דאָרט איז דאָ אַ געטלעכער פונק. הער איך אויך דאָ אין תל־אביב, ווי עס פלאַטערן די פליגלען פון דער שכינה איבער אייך אין דער ווייטער מלאכים־שטאָט.

אַ האַרציקן דאַנק דעם קאָלעגים פון די שופטים, וועלכע האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף אַן עסיי, וועלכער איז ניט פולקאָמען גוט, אָבער די כוונה זיינע איז זיכער געווען אַ גוטע.

איך ווינטש אייך אַלעמען, אַז די דאָזיקע שיינע התחלה פון אַ תורה־יום־טוב זאָל ווערן ביי אייך אַ חוק מדי שנה בשנה אויף לאַנגע יאָרן, אָמן.

מיט האַרציקער פריינדשאַפט,

אליעזר שטיינמאַן

מאָנטרעאל, דעם 5טן יאַנואַר, 1961

י. א. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

חשובע פריינד:

איך וויל דערמיט אויסדריקן מיין דאַנק צו אייך און די קאָלעגן פון דער זשורי פאַר צוטיילן מיר די פרעמיע פאַר מיין דערציילונג „דאָס אמתע בילד.“

איך האָף אַז די אַנערקענונג וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט, גיט צו חשיבות נישט נאָר צו מיין שאַפערישן אויסדרוק, נאָר דער עיקר צו דער יידישער ליטע־ראַטור וואָס מיר אַלע זיינען אירע טרייע שליחים.

איך וואָלט אַוודאי געוואָלט איצט זיין צווישן אייך און פה־אל־פה זיך דורכ־שמועסן וועגן דעם אַביסל אינטימער, ציען זיך דאָך אָבער צווישן אונדז אַזעלכע שטחים, וואָס ס׳איז מיר שווער בייצוקומען סיידן מיט אַ שם־המפורש, וויל איך זיך דאָ באַנוגענען מיטן וויסן, אַז נישט קוקנדיק אויף דער ווייטקייט און פאַר־שיידנקייט פון אונדזערע קלימאַטן, זיינען מיר פאָרט באַענט דורכן יידישן וואָרט און בילד, וואָס גיט אונדז די מעגלעכקייט אויסצודריקן אונדזערע איבערלעבונג־

גען און וויזיעס, און העלפט אונדז געשטאַלטן פאַר זיך דאָס בילד פונעם מענטשן אין זיין גערAַנגל מיטן רעאַלן און אי־רעאַלן; פאַרגענגלעכן און אייביקן.

איך מוז זיך מודה זיין; אַז עס פריידט מיך באַזונדערס דאָס וואָס די דער־ציילונג האָט געקראָגן די אַנערקענונג פון די חברים. פאַר מיר איז עס נאָך אַ סימן, אַז עס לעבט נאָך ביי אונדז דער טיף־יידישער גלייבן אינעם „כי טוב", נישט קוקנדיק וואָס אַזוי פיל שוואַרצע מלאכי־חבלה האָבן זיך צענויפגעלייגט אײַסצומעקן עס פון אונדזער געדעכעניש. אַלע שאול־תחתיות האַלטן אָפן זייער שלונג כדי אַלץ אַראָפּצונידערן אין עלנטער פאַרהוילעניש.

די אויפגאַבע פון שאַפערישן מענטשן איז דעריבער מיט אַלע כוחות אויפ־צוזוכן דאָס אייביקע אינעם מענטשן און עס געשטאַלטן אַזוי צו קענען ווערן דאָס ליכט־בילד אין דער פינצטערער פאַרהוילעניש.

פאַר דער פאַרשטענדעניש, מיין באַזונדערע אַנערקענונג און דאַנק.

עס פריידט מיך אויך, וואָס די זשורי האָט צוגעטיילט דעם פריז פאַר דער עסיי צו דעם מייסטער סטיליסט און טיפן טראַכטער, א. שטיינמאַן, פאַרן אַרויס־ברענגען אין בילד און מחשבה די גרויסע געשטאַלט פון דעם בעש"ט ז"ל. מיין באַגריסונג און טיפן דרך־ארץ צו אייך אַלעמען צום ערשטן אויסקלייב. זאָלן די וייטערדיקע זיין מיט דער זעלבער חשיבות און נאָך מער.

קאָלעגע י. פרידלאַנדן אַ באַזונדער אַנערקענונג פאַר זיין איינשטעלן דעם פאָנד. דאַכט זיך מיר, אַז צווישן שרייבער ביי אונדז איז ער פון די איינציקע עס צו טאָן. (דער דראַמאַטורג און דערציילער, פישל בימקאָ, טיילט אויך אויס אַ פרעמיע.—רעד.) זאָל־זשע עס אים וואויל באַקומען און איך ווינטש אים ער זאָל עס קענען טאָן געזונטערהייט אַ סך און אַ סך יאָרן.

אייער, **יעקב זיפער**

---

# יידישער פ. ע. נ. קלוב

(וועלט־צענטער אין ניו־יאָרק)

יאַנואַר 16, 1961

יחזקאל בראָנשטיין
סעקרעטאַר יידישער פע"ן־קלוב
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

ליבער קאָלעגע י. בראָנשטיין:

אַ דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג צו דעם פייערלעכן ליטעראַטור־אָוונט לכבוד דעם אויסטיילן די ערשטע פרעמיע פון דעם „י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד" פאַר דער בעסטער דערציילונג און עסיי אין משך פון דעם יאָר 1960.

צום באַדויערן קאָנען מיר אין דער פייערונג ניט באַטייליקן זיך פערזענלעך. נעמט דעריבער צו אונדזערע שריפטלעכע באַגריסונגען און בעסטע וואונטשן צו דער הצלחה פון דער פייערונג, ווי אויך אונדזער מזל־טוב צו קאָלעגע י. פרידלאַנד פאַר זיין ווערטיקער איניציאַטיוו.

אַלדאָס גוטס —

**א. גלאַץ־לעיעלעס**
פרעזידענט יידישער פע"ן קלוב, ניו־יאָרק



# אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס

(פאַראייניקט מיט ציק"א)

25 איסט 78טע גאַס, ניו־יאָרק 21, נ.י.

דעם 11טן יאַנואַר, 1961

צום יידישן קולטור־קלוב
אין לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

## באַגריסונג

דער יידישער קולטור־קאָנגרעס שיקט איבער זיינע בעסטע וואונטשן צו די געווינער פון דער י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פרעמיע — יעקב זיפער פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, און אליעזר שטיינמאַן פון תל־אביב, ישראל.

עס קומט אַ סך אָנערקענונג דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד פאַר איינ־שטעלן די נייע פרעמיעס און דורך דעם העלפן דערמוטיקן די יידישע ליטע־ראַרישע שאַפונג. עס איז גוט עס זאָל אויפקומען אין דער גרויסער יידישער אַמעריקע נייע צענטערן פון אַקטיווער קולטורעלער טעטיקייט. לאָס אַנגעלעס גייט אויף דעם וועג און די גרופע טוער און פריינד אַרום דעם יידישן קולטור קלוב פון לאָס אַנגעלעס העלפט באַשאַפן אַ נייע ליטעראַרישע סביבה.

אונדזערע בעסטע גרוסן צו די קאָלעגן פון דער זשורי: יחזקאל בראָנשטיין, מאַטעס דייטש און הערי לאַנג.

**יעקב פאַט**, פאַרזיצער פון אדמ. קאָמיטעט
**ל. סיגאַל**, וויצע־פאַרזיצער פון אדמ. קאָמיטעט
**ל. שפּיזמאַן**, דירעקטאָר פון פרעסע־אָפּטייל
**ח. בעז**, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר

---

## אויפמערקזאַם! — עסייאיסטן און בעלעטריסטן!

נאָכדעם ווי דער „י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד" האָט אויסגעטיילט די פרעמיעס פאַר דער בעסטער דערציילונג און עסיי פון דעם יאָר 1960 צו די פאַרדינסטפולע געווינער — אליעזר שטיינמאַן פון ישראל און יעקב זיפער פון מאָנטרעאַל קאַנאַדע, ווילן מיר איצט מודיע זיין, אַז עס ווערן שוין אָנגענומען אָפּגעדרוקטע דערציילונגען און עסייען אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן אין אַמע־ריקע און אין אַנדערע לענדער פון דעם יאָר 1961.

כידוע וועט דער י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד אויסטיילן $400 יעדן יאָר—$200 פאַר דער בעסטער דערציילונג און $200 פאַר דער בעסטער עסיי. די אָפּגעדרוקטע דערציילונגען און עסייען מוזן אַריינקומען צום פאָנד ניט שפּע־טער פון דעם 15־טן דעצעמבער, 1961. די מחברים דאַרפן שיקן זייערע שאַפונ־גען אויף דעם אַדרעס:

I. FRIEDLAND LITERARY FUND
4375 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.

די יידישע פרעסע און ליטעראַרישע זשורנאַלן זיינען געבעטן די מודעה איבערצודרוקן.

לאָס אַנדזשעלעסער יידישער פּע״ן קלוב

טייערע חברים פ ר י ד ל אַ נ ד, דייטש, בראָנשטיין און ה. לאַנג:

אַ דאַנק פאַר פאַרבעטן מיך צו דער פייערונג אין לאָס אַנדזשעלעס דעם 21טן יאַנואַר לכבוד די חברים זיפער און שטיינמאַן.

דעם חבר זיפער האָבן מיר דאָ שוין אָנגעוואונטשן — מחמת מיר זיינען תושבים פון דער זעלבער שטאָט, און דעם חבר שטיינמאַן וועט איר דאַרפן מסתמא שיקן אַ גרוס — איז זייט־זשע אויך מיין נאָמען דאָרט מצרף.

עס זיינען צוויי וויכטיקע ווערק, וואָס איר פּרעמירט, און הלוואי זאָלט איר ווייטער אָנגיין מיט דער דאָזיקער מלאכה פון פּרעמירן און די שרייבערס מיט דער מלאכה פון שרייבן גוטע זאַכן.

בעסטע גרוסן — און אַ באַזונדערן גרוס דעם בעל־הפרייזן, חבר יצחק פרידלאַנד.

**מלך ראַוויטש**

---

מיין ליבער פריינט י. פרידלאַנד: יאַנואַר 16, 1961

ניט נאָר אַליין צו זיין אַ שרייבער, נאָר אויך הויך און טייער האַלטן דאָס וואָס אַ צווייטער שרייבט, איז אַ מעלה פון אַ הויכער מדרגה.

איך זאָג דאָס אין זינען האָבנדיק אייער פּרעמיע פאַר ליטעראַרישע שאַפונגען. ס'איז גוט און וואויל וואָס איר דערזעט די קורצערע אַרבעט. כ'מיין: וואָס איז ניט קיין גאַנץ בוך.

האָט אַ סך פרייד— אינערלעכע, טיפע, שטילע פרייד, וואָס קוואַלט פון דער סאַמע נשמה אַרויס. (דאָס אויך איז פון אַ העכערער מדרגה).

אַ שאָד איז מיר וואָס איך קען ניט זיין ביים אָוונט פון דער פאַרטיילונג פון דער פּרעמיע אייך אַליין אָפּצוגעבן מיין האַרציקן קוש דערפאַר.

מיט נאָענטשאַפט צו אַלע חברים און פריינט — אייער

**מלכה חפץ טוזמאַן**

---

## נייע יידישע ביכער דערשינען פון היגע שרייבער אין 1959-60

נח גאָלדבערג: „אויף צעוואָרפענע וועגן״ (דערציילונגען)
מאַטעס דייטש: „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש״ (לידער)
י. פרידלאַנד: „וואַנדערונגען און נסיונות״ (דערציילונגען)
מלכה חפץ טוזמאַן: „מילד מיין ווילד״ (לידער)
ש. מיללער: „סקעפּטישע מחשבות״ און „חי געלעבט״ (עסייען און דערציילונגען)
משה גלאַזער: „מעשה בראשית״ (אַ ביכל קינדער־לידער—ביבלישע מאָטיוון)
יעקב זינגער: **דראַמאַטישע שריפטן**
שמואל דן: „אין לאַסט פון טעג״ (לידער)
פינטשע בערמאַן: „אָפענע פענצטער״ (לידער)
חנה בושעל סאָלאָוו: לידער און אָפּשאַצונגען
משה וויסמאַן: „אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע״ (זכרונות)
ב. דיימאָנדשטיין: „דואַליזום״ (לידער־זאַמלונג)
וויליאַם נאַטאַנסאָן: „קולטור קוואַלן״ (פילאָסאָפישע עסייען)
יחזקאל בראָנשטיין: „אינאיינעם און באַזונדער״ (ליטעראַרישע עסייען)



## יהושע אַלקאָן ע״ה — 1960 - 1896



דעם 3טן אַפּריל, 1961, ווערט אַ יאָר זינט י. אַלקאָן איז פּלוצלינג געשטאָרבן. אויף זיין טויט איז ריכטיק צו זאָגן—פּלוצלינג, ווייל מיט איין וואָך איידער דער טראַגישער פאַל האָט פּאַסירט, האָט ער פאָרגעלייענט פאַר חברים זיינע אַ דראַמע „דער לעצטער אַקט״. און דאָ האָט זיך פּונקט אַזוי געטראָפן, אַז דער גורל האָט געוואָלט אַזוי אַכזריותדיק האָבן אַז זיין דראַמע „דער לעצטער אַקט״ זאָל פאַר אים אַליין ווערן דער... לעצטער אַקט פון זיין לעבן...

אַלקאָן האָט געשריבן דערציילונגען, הומאָרעסקעס; ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע נאָוועלע: „די מלחמה אין מידלוויל״ און דער עיקר— דראַמעס.

ווען יוסף ראָטנבערג איז געווען אין לאָס אַנגעלעס, האָט ער מיט אים אָפּגעמאַכט (אין מיין געגנוואַרט) אַז גלייך ווי ער וועט פאַרענדיקן זיין דראַמע אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט, וועט ער תיכף אָפּשיקן צום י. ל. פּרץ פאַרלאַג אַ באַנד פון עטלעכע אָפּגעקליבענע דראַמעס צום דרוקן.

צום גרויסן ווייטיק האָט ער דאָס נישט דערלעבט. די לעצטע „דראַמע״ האָט ער ניט באַוויזן צו ענדיקן; זיין לעבנס־דראַמע האָט זיך יאָ פאַרענדיקט...

דער טויט קאָן אָבער ניט באַזיגן דאָס לעבן. עס ווערט צוגעגרייט דער באַנד, ווי ער האָט געהאָפט עס צו טאָן אַליין ביים לעבן. זיין פרוי, אַדעל, און זיין טאָכטער דבורה, מיט איר מאַן דוד קאַפּלאַן, צוזאַמען מיט זיינע נאָענטע חברים, פאַרווירקלעכן זיין וואונטש און זיין שטרעבונג, אַז זיין לעצט ווערק זאָל קומען צום לעבן ווי אַ בוך לעבט — אין קיום פון אָפּגעדרוקט ווערן.

אַוודאי איז פיינלעך צו זאָגן, אַז דאָס ווערט געטאָן פּונקט צום יאָרצייט; נאָר אַזוי פירט דאָס אייביקע לעבן די ראָד פונעם מענטשנס לעבן.

ס'איז געוויס גאָר אַ גרויסער צער און ווייטיק פון אַזאַ דאַטע, אָבער די טרייסט דאַרף זיין אָט־די וואָס ער האָט באַוויזן איבערצולאָזן איבערגעגעבענע פריינט און קאָלעגן, וועלכע זיינען גרייט זיך מתעסק צו זיין אַרום זיין ווערק.

אויב דאָס קאָן אָנגערופן ווערן ט ר י י ס ט, איז זי דאָ יאָ פאַראַן אין דער פולסטער מאָס.

די רעדאַקציע „חשבון״ און די קאָלעגן וואָס גרופּירן זיך אַרום דער דאָזיקער שריפט דריקן אויס זייער צער איבער דעם טויט פונעם קאָלעגע יהושע אַלקאָן און דריקן אויס אַ קורצן, אָבער דערפאַר אַ פולן וואונטש:

זאָל זיין ווערק אים האַלטן איינגעשלאָסן אינעם לעבן פון יידישע דורות און דורכן קיום פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַלקאָן לאָזט איבער פיר אייניקלעך: הערשל, אסתר, רחל און פייגעלע; צוויי ברידער: שמשון און הערשל.

(מ. ד.)

**א. באביטש**

# פעדער־שפריצן

נאסער נעמט אן גאלדע מאירס פארשלאג וועגן שלום אונטערהאנדלונגען. אבער ישראל דארף פריער איינשטימען אז אירע שיפן זאלן ניט שווימען אין ים, נאר אין די זאמדן פון נגב.

* * *

מיר לייענען, אז אין מעקסיקא, אינם נייעם געבויטן קולטור־צענטער, גייט אן א גוואלדיקער שטרייט צי מען זאל לאזן אויפהענגען א מזוזה ביים טיר, און עס איז געווארן א גוואלדיקע מזוזה־מלחמה. ווער עס וועט אויספירן ווייס מען ניט. אבי מען רופט אונדז „עם הספר".

* * *

אין ניו־יארק עקזיסטירט אן אינסטיטוציע וואס רופט זיך „ניו־יארק קאמיוניטי טראסט" און וואס איר אויפגאבע איז צו באצייכענען מערקווירדיקע בנינים און מאנומענטן אין דער שטאט ניו־יארק. לעצטנס האט די דאזיקע אינסטיטוציע אויך אויסגעצייכנט דעם ייוו"א־בנין, וואס געפינט זיך אויף דער פינפטער עוועניו ביי דער 86טער גאס — ווי איינעם פון די ארכיטעקטור מערקווירדיקייטן אין ניו־יארק.

* * *

א מענטש וואס האט א גוטע מיינונג וועגן זיך אליין איז געוויינטלעך ניט קיין גרויסער מענטשן־קענער.

* * *

א ייד האט פארגעשלאגן א נייע תפילה פארן יידישן פארלאמענט אין ישראל: — באשיץ אונדז גאט קעגן אייגענע היץ־קעפ — פון די פרעמדע וועלן מיר זיך אליין היטן.

* * *

ווען מען האט גערעדט מיטן וואסער־אינזשענער, שמחה בלאס, וועגן דעם מאנגל פון וואסער אין ישראל, האט ער געזאגט: „ווען מ'קוועטשט אויס דאס גאנצע וואסער פון די רעדעס אין כנסת, וואלט געווען גענוג צו באוואסערן דעם גאנצן נגב."

* * *

ביי א כנסת סעסיע, וואו דער פארזיצער איז געווען דער מפא"י מיטגליד, ישראל ישעיהו, האט דער רעדנער אזוי פארעדט זיך וועגן דעם לימוד פון יידישן באוואוסטזיין, אז ער האט פארגעסן אויפהערן. דער פארזיצער האט אים דאן דערלאנגט א צעטעלע: חוץ יידישן באוואוסטזיין, דארפן מיר אויך האבן צייט באוואוסטזיין... דיין צייט האט זיך געענדיקט.

---

## פריינט און לייענער פון „חשבון":

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אפ נאר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אז ס'איז זייער נויטיק דא א שריפט אין יידיש—באווייזט עס מיט מעשים. ווערט א מיטבויער און אן אבאנענט פון דעם זשורנאל „חשבון".

---

**ווערט א מיטבויער און אן אבאנענט פון דעם זשורנאל „חשבון"**



**משה שטארקמאן**

# „חשבון" און חשיבות

יעדער נייער נומער „חשבון" רופט ארויס ביי מיר דעם וואונטש: „הלוואי אויף יידן אין אנדערע אמעריקאנער שטעט געזאגט געווארן!"

מיר האבן דא אין לאנד א ריי יידישע קהילות, וואס זייערע שטעט זיינען מיט יארן צוריק געשטאנען אויף דער מאפע פון דער יידישער ליטעראטור. דאס זיינען געווען שטעט וואו ס'זיינען ארויסגעגאנגען יידישע זשורנאלן, און שטעט וואו מ'האט געשריבן און געדרוקט יידישע ביכער. א דאנק אזעלכע מעשים פלעגן יענע שטעט צוגערעכנט ווערן צום חשבון פון די יידישע שאפונגס־צענטערן און די יידן אין יענע שטעט האבן זיך דערווארבן גייסטיקע חשיבות אין דער יידישער וועלט.

אבער די קולטור־אסימילאציע פון וואקסנדיקן דור האט גורם געווען, אז יידישע מענער און פרויען מיט קאלעדזש־דיפלאמעס זאלן ווערן — פון יידישן שטאנדפונקט — וואנדאלן, עם־הארצישע בארבארן, און א פארשטענדעניש פאר יידישע גייסטיקע ווערטן. צענטערן פון יידישער יצירה זיינען דורך זיי פארוואנדלט געווארן אין חורבות און מדבריות. די אמעריקאניזירטע דיפלאמע־באזיצערס האבן זיך אפגעריסן פון יידישער גייסטיקייט כדי „אנצוקומען אין דער ברייטער וועלט דורך אנטלויפן פון גייסטיקן יידישן געטא." זיי האבן א טעות געהאט. פאקטיש זיינען זיי אוועק פון א וועלט־קולטור און זיי זיינען אריין אין א געטא פון קולטור־פראווינציאליזם, וואס זיין האריזאנט בייגט זיך קיינמאל ניט ווייטער ווי ס'איז דער שטח פון סאמע נייסטן „בעסט סעלער" אין ענגליש.

די איינציקע ליטעראריש אוניווערסאליסטן היינט־צו־טאג זיינען יענע יידן, וואס לעבן זיך אויס גייסטיק אין דער שפראך־ספערע פון יידיש און העברעאיש. אונדזער ליטעראטור — די צוויי שפראכיקע, העברעאיש־יידישע ליטעראטור— די יצירה אין אונדזער אלף־בית — איז די איינציקע וועלט־ליטעראטור זינט לאטיין האט אויפגעהערט צו זיין אן אוניווערסאל לשון פאר ליטערארישן שאפן. אמת, ענגליש איז איצטער די אוניווערסאלע שפראך, אבער די ליטעראטור אין ענגליש איז ניט קיין וועלט־ליטעראטור. יעדע מדינה, וואס ענגליש איז איר אפיציעל לשון, ניצט דאס דאזיקע לשון צו שאפן אן אייגענע ליטעראטור. אין די פאראייניקטע שטאטן ווערט אויף ענגליש געשאפן אמעריקאנער ליטעראטור; אויסטראליע — אויסטראלישע ליטעראטור, א.א.וו.

דאס איז אבער ניט דער פאל בנוגע ליטערארישע יצירה ביי יידן. אומעטום וואו יידן שאפן ליטערארישע ווערטן אין דעם יידישן אלף־בית, ווערן די דאזיקע שאפונגען א טייל פון אונדזער נאציאנאלער וועלט־ליטעראטור און דאס גייסטיקע אייגנטום פון דעם גאנצן יידישן פאלק. ניו־יארק און ירושלים, בוענאס איירעס אין תל־אביב, ריא דע זשאנעירא און יאהאנעסבורג, מעקסיקא סיטי און פאריז, מאנטרעאל אין רמת־גן, געהערן שעפעריש צו דער זעלביקער מאפע פון דער וועלט־ליטעראטור, וואס ווערט געשריבן אין נאציאנאלן אלף־בית פון אונדזער אומה.

לאס אנדזשעלעס שטייט שוין פון לאנג אויף דער מאפע פון דער העברעאיש־יידישער וועלט־ליטעראטור. דאס רעגלמעסיקע דערשיינען פון דעם פערטל־יאר

# באַגריסונגען צום יובל נומער 25 „חשבון"

זוניק זענען די מערסטע טעג אין דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. זוניק און שיין ווי די אַרומיקע בערג איז דער יידישער קיבוץ דאָרט. ער איז אויך וואַרעמער.

אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס בלענדט אין פיל פּרטים, ווערט באַמערקט אַ שפּעריש פלעמל וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהין, אָדער דערטראָגט זיך פון ווייט.

דאָס ליכטל — גרויס צי קליין, אויב דאָס איז נאָר ריין, אָן רויך און טשאַדעט ניט — געפינט פאַר זיך אַן אָרט אינעם פילפאַרביקן יידיש לעבן וואָס קלאָרט ביים פּאַסיפיק אין דרום קאַליפאָרניע.

אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, באַווייזט דאָס איצטיקע פייערן פון דעם 25טן נומער „חשבון", אַ פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען.

הינטער דער שריפט איז נישטאָ דער אָנשפּאַר פון שטאַרק־פאַרפונדעוועטע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען.

„חשבון" איז דאָס גייסטיקע קינד פונעם אָרטיקן קולטור־קלוב, וואָס איז ווי אַ פאָלקס־אינסטיטוציע, אַ חד במינו אין דער יידישער אַמעריקע.

גרויס פאַרדינסט, אויב ניט דעם גרעסטן, האָט דער חשובער פּאָפּולערער קולטור־עסקן און בעלעטריסט, י. פרידלאַנד, אַ פיל־יעריקער תושב און מיטבויער פונעם אַקטיוון יידישן ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס.

דאָס טראָגט ער דעם עול פון קולטור־קלוב, וואָס איז פאַר יאָרן שוין אַ בית־ועד פאַר דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס קומט אַהין ווי אַ גאַסט פון ווייטע מקומות, פונקט ווי פאַרן אָרטיקן קולטור־מענטש. דער אינער־גייסט פון קלוב מאַכט איינעם פילן היימיש, צווישן אייגענע.

י. פרידלאַנד איז, חוץ דעם, אויך דער רעדאַקטאָר פון „חשבון" און זאָרגט פאַר דעם קיום פון דער שריפט, וואָס פאַרשאַפט כבוד דעם יידישן לאָס אַנדזשעלעס. דאָס איז ניט קיין לייכטער ענין.

אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו רינגלט אַרום דעם זשורנאַל אַ פּלעיאַדע פון אַלגעמיין באַקאַנטע שרייבער, וואָרט־זאָגער און פאָלקס־טוער.

זיי אַלעמען קומט די געהעריקע אַנערקענונג פון יענע שרייבערישע מסיבות וואָס ווערן געלייטערט, דערהויבן דורכן יידישן וואָרט און לשון. זיי פאַרבינדן אויך מאָראַלע מיטהילף און דערמוטיקונג.

דער היינטיקער נומער „חשבון" איז בלי ספק אַ ליטעראַרישער יום־טוב פאַרן יידישן קולטור־לעבן אין דרום קאַליפאָרניע. אין בעסערע צייטן וואָלט עס אויך געווען אַ וויכטיקע דאַטע פאַר דער קולטור־וועלט אין אַנדערע יידישע תפוצות.

**אבא קליגער**

---

שריפט „חשבון" גיט־צו חשיבות דעם יידישן קיבוץ אין לאָס אַנדזשעלעס און דערמעגלעכט, אַז די שטאָט זאָל זיך אָנזען אויף אונדזער ליטעראַטור־מאַפּע אינאיינעם מיט די אַנדערע צענטערן פון יידישן גייסטיקן שאַפן.

זייט געגריסט און זייט געבענטשט! כ ה ל ח י!



# צום יובל נומער 25 „חשבון"

1961 ,15 מעקסיקע, ד.פ., פעב.

ליבער פריינט און קאָלעגע י. פרידלאַנד:

פינף־און־צוואַנציק נומערן „חשבון" זיינען נישט קיין קלייניקייט, סיי פון שטאַנדפּונקט פון באַמיאונג, סיי פון קוק־ווינקל פון רעזולטאַטן.

ווער נאָך אַזוי ווי איר, ווי דער רעדאַקטאָר, וועט אַזוי גוט פאַרשטיין וואָס איך מיין מיט „ווען דער יתום לאַכט זעען אַלע; ווען ער וויינט, זעט קיינער נישט."

נישט נאָר אייער ענטוזיאַזם, וואָס שייך דער אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן און רעדאַקטירן „חשבון", איז מיר וואויל באַקאַנט; ס'זיינען מיר אויך נישט פרעמד אייערע שעה'ען פון דעפּרעסיע און ספקות.

און איצט, אַז „חשבון" האָט דערגרייכט צו דעם נומער פינף־און־צוואַנציק, וואָס ס'איז וואָס שייך אָט־דעם זשאַנר זשורנאַלן, גאָרנישט אַזאַ אָפטע דערשיינונג, — לאָמיר, דאָס הייסט מיר אַלע, רעדאַקציע, מיטאַרבעטער, לייענער, אַרויפציען אויף זיך אַ יום־טובדיקע שטימונג און פייערן דעם דאָזיקן יובילײ מיט אָפּטימיזם וואָס שייך יידישע קולטור־ווערטן.

ווי אַ שטענדיקער לייענער פון „חשבון", דערלויב איך זיך צו באַהויפּטן, אַז די רעזולטאַטן פון אייער אָנשטרענגונג זיינען העכסט באַפרידנדיקע; דער „חשבון" איז איינער פון די בעסטע קלענערע זשורנאַלן אין יידיש, וואָס דערשיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער ערגעץ אַנדערש וואו.

איז ליבער פריינט פרידלאַנד: גוט יום־טוב! און צו ווייטערדיקע נייע דערפאָלגן!

מיט קולטור־גרוס, אייער

**סאָלאָמאָן קאַהאַן**

---

1961 ,10 ניו־יאָרק, פעברואַר

חשובער חבר און פריינד, י. פרידלאַנד:

עס איז באמת אַ פרייד פאַר מיר צו באַגריסן אייך צום 25טן נומער פון אייער זשורנאַל „חשבון", וואָס האָט בלי ספק אַריינגעשריבן אַ שיין און הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן וואָרט ביים ווייטן פּאַסיפיק.

טאַקע דערפאַר, וואָס דער „חשבון" האָט „אויסגעהאַלטן יידישקייט" און דערגרייכט די שיינע און אימפּאָזאַנטע צאָל „25", וואָס ווערט געוויינלעך באַצייכנט אַלס „זילבער־יובל", דאַרף מען אייך באַגריסן מיט אייער פיינעם אויפטו.

אויך דער פאַקט וואָס אין „חשבון" געפינען פלאַץ סיי שריפטשטעלער פון קאַליפאָרניע, סיי שריפטשטעלער פון אַנדערע שטעט און אפילו לענדער איבער דער גאַנצער יידיש־אימפּעריע, איז זיכער ווערט באַגריסט צו ווערן.

ווינטש איך אייך טאַקע הצלחה אין אייער ווייטערדיקער אומדערמידלעכער אַרבעט לטובת דער יידישער ליטעראַטור — און לאָמיר האָפן צו פראַווען צוזאַמען דעם „גאָלדענעם 50טן נומער" פון אונדזער־אייער „חשבון".

אייער מיט אַ ווינטש פאַר כל־טוב,

**ל. פיינבערג**

## באַגריסונגען

ליבער פריינד און קאָלעגע י. פרידלאַנד: מערץ 10, 1961

איך נעם מיט פאַרגעניגן אָן אייער פאַרבעט־נג צו צושיקן אַ באַגריסונג צום 25טן נומער פון „חשבון."

איך וויל אייך ביי דער געלעגנהייט פאַרזיכערן, אַז איך שאַץ זייער שטאַרק אָפּ אייער אַרבעט, אייער היטן די פייערן פון יידישן וואָרט אין ל. א. איך ווייס וויפיל פּערזענלעכע מי איר לייגט אין דעם אַריין, ווי אויך וויפיל עס פאָדערט זיך צונויפצושטעלן אַ נומער „חשבון."

זייט געגריסט פּערזענלעך און ווי דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער שריפט וואָס באַווייזט צו זיין אינטערעסאַנט און ליטעראַריש אויף אַ פיינעם ניוואָ.

בעסטע גרוסן צו אַלע פריינט און קאָלעגן פון לאָס אַנגעלעס.

אייער, **א. לעיעלעס**

---

ליבער פריינט י. פרידלאַנד:

אַ באַגריסונג לכבוד אייער יובל־נומער (25) „חשבון", שיק איך דורך אייך גערן די בעסטע וואונטשן צו אייער פערטל־יאָר שריפט.

„חשבון" איז, דאַכט זיך, די איינציקע ליטעראַטור־אויסגאַבע אין לאָס אַנגעלעס, דורך וועלכע עס דערגייט צו אונדז, פון צייט צו צייט, אַ פריש יידיש וואָרט פון יענע מקומות, דאַרף מען דערמיטיקן אַזאַ אויפטו.

עס איז תמיד אַ גוט געפיל צו לייענען און צו האַלטן „חשבון" פונעם יידישן קולטור־לעבן דאָרט.

זייט געשטאַרקט אין דער אַרבעט — אייער

**בעריש וויינשטיין**

---

ליבער קאָלעגע י. פרידלאַנד:

דער יובל פון דעם „חשבון" איז אַ גרויסע דערגרייכונג. דורך אָנהאַלטן די דאָזיקע טריבונע פאַרגרעסערן די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין לאָס אַנדזשעלעס די ליטעראַרישע חשיבות און דעם חשבון פון אונדזער אינדזלדיקער מדינת־יידיש.

מיט קאָלעגיאַלן גרוס,

**אלף כּץ**

---

## פּרץ הירשביין צווייג פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

באַגריסט דעם יובל־נומער 25 „חשבון", די איינציקע שריפט אויף יידיש אין ל.א. מיר ווינטשן דעם רעדאַקטאָר און אַלע מיטאַרבעטער גרויס דערפאָלג און אַריכת ימים.

| | | |
|---|---|---|
| פיליפ ברוידע | משה שולוויים | יצחק ניומאַן |
| פאָרזיצער | קולטור פאָרזיצער | סעקרעטאַר |



## באַגריסונגען

מיין האַרציקע באַגריסונג צום דערשיינען פון 25טן „חשבון"!

איך ווינטש דעם ענערגישן און טאַלאַנטפולן רעדאַקטאָר פון „חשבון", י. פרידלאַנד, און אַלע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער אין שטיצער פון דער שריפט אַ סך נחת־רוח און דערפאָלג אין דער אידעאַלער אַרבעט פאַר יידישער קולטור.

זאָל „חשבון" תמיד זיין אַן עמוד האש פאַר אונדז אַלעמען, וואָס ווילן קיינמאָל נישט אונטערציען דעם לעצטן חשבון פאַרן יידישן וואָרט און פאַר יידישער שאַפונג.

מיט ברכות, **י. גובקין**

---

חשובער קאָלעגע און ליבער פריינט י. פרידלאַנד:

מיט אייער גרויסער עקשנות, וואָס צייכנט אויס אייער רעדאַקטאָרישע ענערגיע, ברעכט איר דורך די איזאָלאַציע, אין וועלכער עס געפינען זיך די שריפטשטעלער און קולטור־מענטשן בכלל, אין דער צעשפּרייטער יידישער לאָס אַנגעלעס, וואו אָפט שפּירט מען ווי מ'וואָלט געזעסן אין אַ וואַלד אָן ביימער, יעדער מיט זיין אומעט אין אַן ענדלאָזער ליידיקייט.

דער „חשבון" האָט אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג צו שרייבערישער משפחה'דיקייט, וואָס איז דאָך תמיד געווען אין כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור.

און דער באַטייט פון „חשבון" איז פיל מער.

געווען דאָך צייטן ווען לאָס אַנגעלעס מיט גאָר אַ קליינינקער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך געציילט צווישן די איינדרוקספולע לאַגערן פון יידישן זשורנאַליזם, אפילו מיט אַן אייגענער טאָג־פּרעסע. ווינטן האָבן עס צעשליידערט, אָן די ווידער־צונויפגעקומענע יידישע אותיות פון אַ כסדרדיקן „חשבי־ן" וואָלט די איצטיקע יידישע לאָס אַנגעלעס געשטאַנען ווי אַן אומהיימלעכער ספינקס, שטום און טויב מיט פאַרזאַמדיקטע אויגן. איז דער „חשבון" אפשר ניט מער ווי אַ צאַפּל פון אַן אויג, אָבער דער צאַפּל איז אַ סימן, אַז דער ספינקס האָט אָטעם און איר טוט אַריין נשמה אין דעם אָטעם.

עס איז אַ גוואַלדיק־שעפעריש היסטאָרישע אַרבעט פון אייך און דער גאַנצער „חשבון"־סביבה צו האַלטן די באַנייטע יידישע וועלט ביים פּאַסיפיק צוגעבונדן צו דער גאָלדענער קייט פון אידיש־גייסטיקן לעבן איבער אַלע ימים.

מיט דרך ארץ און פריינדשאַפט,

**ה. לאַנג**

---

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"
אָפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## לייבוש לעהרערס קבלת-פּנים אין ל. א.

ס'איז שוין אַ גאַנץ איינגעשטעלטע טראַדיציע ביים ל. א. יידישן קולטור קלוב אויפצונעמען און מקרב זיין יעדן יידישן שריפטשטעלער, דיכטער, יידיש געלערנטע פון באַטייט, ווען זיי שווימען צו צו אונדזער פּאַסיפישן ברעג.

אויף דער איניציאַטיוו פון דעם קולטור־קלוב איז פאַרבעטן געוואָרן לייבוש לעהרער צו קומען צו אונדז פון דעם קאַלטן ניו־יאָרק צו אונדזער זוניק וואַרעמער ל. א. אַוודאי איז עס געווען אונדזער אַלעמענס קולטור יום־טוב, זיין וויילונג מיט אונדז.

צום בעסערן יידישן לייענער איז לייבוש לעהרער זייער גוט באַקאַנט פון זיינע פּאַרטיפטע ווערק, ווי אויך פון זיינע באַלערנדיקע אַרטיקלען און עסייען אין „יידישן קעמפער" און אין אַנדערע שריפטן. לייבוש לעהרער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע קולטור עסקנים אין יידישן אַמעריקע. חוץ יידיש געלערנטער, פיינער עסייאיסט, פסיכאָלאָג און פּעדאַגאָג, איז לייבוש לעהרער ניט פון דעם קאַבינעט־מענטש, וואָס איז הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט; זיין טעטיקייט אַלס וויכטיקער קולטור־עסקן און דערציער איז אַ שם־דבר אין יידישן אַמעריקע. אַזוי איז ער דער פאָרזיצער פון דעם וויסנשאַפטלעכן קאָלעגיום פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; אין דעם יידישן לערער סעמינאַר האָט ער אַ סך געהאָלפן צוגרייטן אַ גאַנצן דור לערער, וועלכע זיינען איצט אָנפירער מיט די לימודים אין אַלע טיפן שולן דאָ אין לאַנד; אין דעם שלום־עליכם אינסטיטוט האָט ער גאָר אַ סך משפיע געווען ווי דער טעאָרעטיקער פון יידישער דערציאונג און, אין קעמפּ „בויבעריק" איז ער, זינט זיין גרינדונג, דער גייסטיקער מדריך פון דער יוגנט און אויך די עלטערן־באַזוכער פון קעמפּ.

לייבוש לעהרער איז דער מחבר פון (חוץ זיינע פריערדיקע ווערק, ווי די „מאָדערנע יידישע שול" א. אַ.) נאָר וואָס דערשינענע דריי נייע ווערק: „אַזוי זיינען יידן", „פון דור צו דור" און „מענטש און אידייען." דאָס זיינען שאַפונגען באַזירט אויף די יסודות פון יידישן געדאַנק און יידישער מחשבה — דער תמצית פון מאָדערנער יידישקייט. דער דענקנדיקער ייד, וואָס איז אַ זוכער פון די אייביקע אמתן פון יידישן וועלט־באַנעם; פון פראַגן און פּראָבלעמען וואָס באַשעפטיקן דעם מוח פון יידישן דענקער אָו פאָרשער, ווי: קיום האומה, אַסימילאַציע, גלותיזם, יידישע וועלטלעכקייט — אַלץ פראַגן וואָס באַאומרואיקן דעם מאָדערנעם יידן און, אין די דערמאָנטע ווערק געפינען מיר אויפקלערנדע תשובות אין שייכות מיט די אַספּעקטן פון יידישקייט.

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב, צוזאַמען מיט דער גרויסער עדה יידן וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט צום קבלת פּנים פון לייבוש לעהרער, האָבן אויסגעדריקט צו אים גרויס אַנערקענונג און ענטוזיאַזם, און אים געוואונטשן ער זאָל ממשיך זיין די עבודת קודש פאַר דעם יידישן פאָלק במשך נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן.

באַגריסט דעם חשובן גאַסט האָבן: דער פאָרזיצער פון קבלת־פּנים, י. פרידלאַנד; דער פאָרזיצער פון די אַרב. רינג שולן, אַלעקס ראַבין; מרים הערשבערג, הויפּט־לערערין פון דער אינסטיטוט פאָלק־שול; פייגל פלאַט, תלמידה פון אַ. ר. שול האָט געלייענט ל. פיינבערגס פּאָעמע „יידיש"; משה שייפער און בת־עמי אַוערבאַך, תלמידים פון פאָלק־שול, האָבן פאָרגעלייענט אין יידיש און העברעאיש. חוץ די דערמאָנטע באַגריסונגען האָט לייבוש לעהרער ביים קבלת פּנים אָונט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „דער באַגריף פון גלות אַמאָל און היינט." דער פייערלעכער אָונט איז פאַרענדיקט געוואָרן ביי יום־טובדיקע טישן מיט פיינעם כיבוד.



במשך די פּאָר וואָכן פון זיין וויילן דאָ איז לעהרער אויפגעטראָטן ביים היגן ייוו"א קאָמיטעט, ביי די אַרב. רינג שולן, ביים קאַונסיל פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, צווייגן פון דער פּועלי־ציון, און אַ צאתך לשלום אָונט, שבת דעם 11טן מערץ, אין ל. א יידישן קולטור קלוב.

## דער ל. א. יידישער פּ.ע.נ. קלוב

(באַריכט)

דער ל. א. יידישער פּע"ן קלוב, אַן אָפּצווייג פון דעם יידישן וועלט־צענטער אין ניו־יאָרק, האָט דורכגעפירט זיין ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט, פרייטיק אָונט, דעם 17טן פעברואַר, 1961.

דער אָונט וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ פּריוואַטער הויז, האָט פונדעסטוועגן צוגעצויגן אַ נישקשהדיקן עולם פון דער היגער אינטעליגענץ, איינשליסנדיק צוויי באַקאַנטע מאָלער און אויך צוויי טעאַטער־אַרטיסטן.

דער פאָרזיצער פון היגן פּע"ן קלוב, חבר י. פרידלאַנד, האָט אין זיין אַריינפיר אַרומגערעדט דעם קולטורעלן באַדייט פון פּע"ן קלוב, אין שייכות מיט די אַלגעמיינע קולטור טעטיקייטן דאָ אין שטאָט און אָנגעוויזן, ווי נויטיק עס איז צו באַשאַפן אַ סביבה דאָ אין שטאָט ניט נאָר פאַר אונדזערע פּע"ן מענטשן, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע יידישע קינסטלער וואָס לעבן דאָ אין ווירקן.

יחזקאל בראָנשטיין האָט רעפערירט אויף דער טעמע: פּ.ע.נ., אין וועלכן ער האָט אָפּגעשפּיגלט דעם אויפקום, אַנטוויקלונג און טעטיקייטן פון פּ.ע.נ אין אַלגעמיין, און דעם יידישן פּ.ע.נ. בפרט. בראָנשטיין האָט אין זיין רעפעראַט אויך אַרויסגעבראַכט און שאַרף אונטערגעשטראָכן דעם נצחון פון דער יידישער דעלעגאַציע ביי דעם לעצטן פּ.ע.נ. קאָנגרעס אין ריאָ דע זשאַניירא, וואו די דעלעגאַציע פון דעם יידישן פּ.ע.נ. איז געווען דערפאָלגרייך דורכצופירן אַ רעזאָלוציע... קעגן דער שחיטה פון אַ גרויסער צאָל יידישע שריפטשטעלער, וויסנשאַפטסלייט און קינסטלער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און באַצייכנט „די סאָוועטישע אונטערדריקונג פון יידיש און העברעאיש און די קולטור־טעטיקייטן אין אָט־די שפּראַכן, ווי אַ פאַרברעכן קעגן דער פרייהייט אין דער סאָווערעניטעט פון גייסט, ווי זיי דריקן זיך אויס אין יחידים און אין דער קולטור פון נאַציאָנאַלע גרופּן"... ער האָט גלייכצייטיק אָנגעוואָרפן אַ סכעמע פון טעטיקייטן פאַר דעם היגן פּ.ע.נ. קלוב.

מאָטעס דייטש האָט רעפערירט וועגן דעם גורל פון יידישן בוך און אויך פאָרגעשלאָגן באַשטימטע און קאָנקרעטע טעטיקייטן פאַר דעם פּ.ע.נ. דאָ אין שטאָט.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע, מיט דעם אנטייל פון אַ סך געסט.

דער פועל יוצא פון דעם ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט פון היגן פ.ע.נ. קלוב איז, אַז דער פ.ע.נ. וועט זיך באַמיען דורכצופירן אַזעלכע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אַמוויניקסטן איינמאָל אַ חודש, א.נ. פון „פריינט פון יידישן פ.ע.נ. קלוב.“

די פאָלגנדיקע טעלעגראַפישע באַגריסונג פון וועלט־צענטער אין ניו־יאָרק האָט צוגעגעבן דעם אָוונט אַ סך חשיבות און דערמוטיקונג פאַר באַלדיקע אַקטיוויטעטן פון פ.ע.נ. קלוב:

פאָרעסט הילס, ניו־יאָרק, נ.י., פעב. 16, 1961

יחזקאל בראָנשטיין, סעקרעטאַר
ל.א. יידישער פ.ע.נ. קלוב
השובע חברים:

מיר באַגריסן אייך האַרציק צו דער געלעגנהייט פון דעם ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט פון דעם ל. א. יידישן פ.ע.נ. קלוב. מיר פאַרהאָפן און דערוואַרטן, אַז מיט דער אָרגאַניזירונג פון פ.ע.נ. אין ל. א. וועט איר גורם זיין דעם ווייטערדיקן וואוקס, אַנטוויקלונג, המשך און חשיבות פון אונדזער יידישער ליטעראַטור איבער דער גאָרער וועלט.

**א. לעיעלעס גלאַנץ**, פרעזידענט יידישער פ.ע.נ. קלוב,
וועלט־צענטער אין ניו־יאָרק.

## זיבעציק יאָר „פרייע אַרבעטער שטימע“

די פייערונג פון 70 יאָר „פ.אַ.ש.“ האָט נישט געקענט פאַרבייגיין אומבאַמערקט פון דעם ערנסטן יידישן לייענער מיט אַ באַציאונג צום בעסערן יידישן וואָרט. מיר סאַלוטירן אָט־די פיאָנערן פון יידישן זשורנאַליזם, וואָס האָבן מיט זייער אידעאַליזם און עקשנות דערפירט די „פ.אַ.ש“ צו אַזאַ חשיבער דאַטע פון שעפערישע 70 יאָר.

די „פ.אַ.ש.“ האָט אַ סך ליטעראַרישע פאַרדינסטן סיי דאָ אין לאַנד און סיי מעבר לים. זי איז געווען און איז עד היום פאַרבליבן די אומפאַרטייאישע טריבונע און דער מקום מקלט פאַר דעם יידישן שריפטשטעלער.

קולטורעל און ליטעראַריש איז זי איינע פון די געציילטע שריפטן אין אונדזער יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן. לויט איר ערנסטן תוכן פאַרנעמט די „פ.א.ש.“ בלי ספק אַ זייער חשובן אָרט אין דער זשורנאַליסטיק און מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. זי האָט דערציִיגן ביט נאָר אַן אינטעליגענטן יידישן לייענער, נייערט אויך אַ היבשע צאָל יידישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן געשטעלט זייערע ערשטע ליטעראַרישע טריט אין דער „פ.אַ.ש.“ און פאַרנעמען איצט אַ גאָר חשובן אָרט אין אונדזער פאַרצווייגטער יידישער ליטעראַטור.

אונדזערע וואַרעמע ברכות און פלאַמיקע גרוסן צו פידנריקע חברים וואָס שטייען ביי דער לייטונג פון דער „פ.אַ.ש“ און האַלטן אָן מיט אַ מאויפהערלעכע עקשנות דאָס ליכט פון פרייען יידישן וואָרט.



## מאַי קאַ משמע לן „סביבה“?

אַוודאי איז צו באַגריסן דעם נייעם אָדער באַנייטן זשורנאַל „סביבה“, הגם איבערלייענענדיק דעם ערשטן און צווייטן העפט האָבן מיר נישט געזען דאָרטן פאַרטראָטן קיין שום פנים חדשות. אמת, גרויסע, אָנגעזעענע דיכטער מיט אַ סטאַזש און וועלט־נאָמען, וואָס זיי פעלט ב״ה נישט קיין בימה וואו צו קומען צום אויסדרוק מיט זייערע שאַפונגען; חוץ זייער שטענדיק אָרט אין דער טאָג־פרעסע איז פאַר זיי אָפן „טיר־און־טויער“ אין אַלע ליטעראַרישע זשורנאַלן.

בדרך כלל, ווערן ס'רוב איצט אַרויסגעגעבן ליטעראַרישע זשורנאַלן פון גרופן שרייבער על פי „מוז“, סיי אויף דער פראָווינץ (וואו ס'איז לחלוטין ניט פאַראַן מער קיין יידישע וואָכנשריפט) און סיי אפילו אין גרויסן ניו־יאָרק, צוליב גאַנץ באַשטימטע סיבות.

פען־מענטשן, דרויסנדיקע, האָבן איצט לגמרי נישט קיין אָרט וואו זיי קענען קומען שריפטלעך צום אָפּדרוק. די געזעלשאַפטלעכע זשורנאַלן, ווי די „צוקונפט“, „יידישע קולטור“, „יידישער קעמפער“, „פ.אַ.ש“ א.אַ., זיינען זייער באַשרענקט אין אָרט און דערצו נאָך אַזוי איבערגעלאָדן מיט כתב־ידן מארבע פינות העולם, אַז מ'באַלט געקענט אויספילן אַ צענדליק חודש־זשורנאַלן מיט גאָר פיינעם לייען־מאַטעריאַל און די שרייבערס זיינען זעלטן זוכה צו זען, אַז זייערס אַ זאַך זאָל ווען עס איז אָפּגעדרוקט ווערן. און, ביי וויפיל שרייבערס ווערן די שופלאָדן ממש צעשפאַרט מיט שאַפונגען אָבער זיי זיינען פשוט באַשיידן צו שיקן אין אַ רעדאַקציע, וויסנדיק דעם האַרבן מצב בכלל און גאָר באַזונדער, ווען ס'וואַרטן „אייגענע, בילכערע“ — ניט קיין דרויסנדיקע! דער פועל־יוצא איז, אַז עס גרופירן זיך גרופן שרייבער, גיבן אַרויס אייגענע שריפטן.

אַרום דעם ליטעראַרישן טיש פון „סביבה“ זעען מיר נישט אַזעלכע וואָס נויטיקן זיך איצט אין אַ נייעם זשורנאַל. זייערע זאַכן געפינען תמיד אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער פרעסע און אין די פאַראַנענע ליטעראַרישע שריפטן.

אַזוי אַז „סביבה“ האָט פאַר אונדז לעת־עתה גאָרנישט מחדש געווען. אָט נאָך אַ זשורנאַל אין ניו־יאָרק... נו, זאָל זיין צו געזונט און מיט אריכת ימים!

## „יידישער אָרטאָגראַפישער וועגווייזער“

ס'איז אַרויס פון דרוק דער לאַנג־דערוואַרטעטער „יידישער אָרטאָגראַפישער וועגווייזער. דאָס דאָזיקע האַנטבוך ברענגט דעם קאָרעקטן אופן שרייבן פון אַן אַכט טויזנט ווערטער אין פאָרמעס וואָס ביי זיי קען זיין אַ ספק וועגן אויסלייג.

דער יידישער אָרטאָגראַפישער וועגווייזער אַנטהאַלט צוויי טיילן: 1) אַן אָרטאָגראַפיש ווערטערבוך צונויפגעשטעלט פון ד״ר מרדכי שעכטער; 2) אַן איבערבליק „די יסודות פון איינהייטלעכן יידישן אויסלייג“ פון פראָפ' מאַקס ווײַנרייך. דער אָרטאָגראַפישער וועגווייזער איז געוואָרן רעדאַקטירט און ווערט אַרויסגעגעבן פון דער קאָמיטע דורכצופירן דעם איינהייטלעכן יידישן אויסלייג.

דער פרייז פון אָט־דעם ביז גאָר וויכטיקן האַנטבוך, וואָס דאַרף זיך געפינען אין איטלעכער יידישער שטוב, איז בלויז צוויי דאָלער. דאָס בוך איז שיין געבונדן. מיט באַשטעלונגען דאַרף מען זיך ווענדן צו דער ציק״א ביכער צענטראַלע.

## יידישע בילדער אויסשטעלונגען אין קולטור קלוב

אין חודש פעברואַר האָט דער ישראל מאַלער, שמעון קאָרטשמאַר, געהאַט זיין אויסשטעלונג פון אויל־בילדער, אַלע אויף יידישע מאָטיוון, געמאָלן אין בונטע קאָלירן און אויסדרוקפולע טיפּן פון דעם יידישן שטעטל, וואָס איז שוין ליידער מער נישטאָ.

אַ צווייטע בילדער אויסשטעלונג פון דעם באַוואוסטן יידישן מאַלער, נאָטע קאָזלאָווסקי, איז געווען אָנהייב פון חודש מערץ. די אויסשטעלונג איז באַגלייט געוואָרן מיט אַן אינטערעסאַנטע לעקציע פון דעם קינסטלער קאָזלאָווסקי אויף דער טעמע: „קונסט און פאָלק" ווי אַן אילוסטראַציע. ס'איז ווערט צו באַמערקן אַז 4 פון זיינע געטאָ־בילדער וועלן אַריינגענומען ווערן אין דעם געטאָ מוזעאום פון לוחמי הגיטאות אין ישראל. צוויי בילדער פון דער זעלבער אויסשטעלונג זיינען אין דעצעמבער 1960 געווען אויסגעשטעלט אין „אוניווערסיטי אָוו שיקאַגאָ" און איצט אין „אוניווערסיטי אָוו אילינאָיס." צו דעם אָוונט פון דער אויסשטעלונג און לעקציע, מאָנטיק דעם 6טן מערץ, איז געקומען אַ גאַנץ היפּשער עולם.

---

## אַן אנגענעמע איבערראַשונג

ביי איינעם פון די ליטעראַרישע שבת־צו־נאַכטן אין ל. א. יידישן קולטור קלוב פון דעם זמן, האָט חבר יעקב קאַטץ, פון שיקאַגע, געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן חיים גראַדע. יעקב קאַטץ פּאַראַדירט נישט אַלס אַ גדול בישראל, טראָגט נישט קיין טיטל דאָקטאָר, שריפטשטעלער, לעקטאָר וכו'. אָן אַזאַ טיטל איז די טבע ביי אַ טייל „פיינשמעקער" מבטל צו זיין אַזעלכן נאָך איידער מ'הערט פון אים אפילו. אויסהערנדיק זיין רעפעראַט האָט עס נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דעם פאַקט, ווי ווייט מען אונטערשאַצט ביי אונדז אַ ניט „באַטיטלטן" אָדער ווייניק באַקאַנטן אין דער יידישער עפנטלעכקייט ווי איינער פון דער ליטעראַרישער אָדער לעקטאָרן בראַנזשע.

יעקב קאַטץ איז אַן אונדזעריקער ייד, אַ גוטער אויפמערקזאַמער און פאַר־טיפטער לייענער מיט אַ געזונטן ח״ש און פאַרשטייעניש פון אונדזער ליטעראַטור. דאָס האָבן מיר געלערנט פון זיין פיין צוגעגרייטן רעפעראַט, וועלכן ער האָט מיט קלאָרער פּרעציזקייט אַרומגענומען גראַדעס אַלזייטיק שאַפן אין ליד און פּראָזע.

דער גרויסער עולם וואָס איז געקומען צום אָוונט, אפשר מיט ניט קיין גרויסער דערוואַרטונג, איז אָבער געווען ביז גאָר אנגענעם איבערראַשט פון דעם גרויסן נחת־רוח וואָס מ'האָט געהאַט פון יעקב קאַטצ'ס רעפעראַט וועגן חיים גראַדע.

י ו ד

---

## ל. א. יידישער פּע״ן קלוב און די קאָלעגן ביים זשורנאַל „חשבון"

דריקן אויס זייער צער אויף דעם טויט פון דעם באַוואוסטן דיכטער און עסייאיסט מ ר ד כ י  י אַ פ ע  ע״ה. יאַפע איז נפטר געוואָרן זונטיק, דעם 19טן מערץ. אין דער זעלביקער וואָך איז אויך נפטר געוואָרן דער שריפטשטעלער יצחק הורוויטש. כבוד זייער הייליקן אָנדענק.

**יחזקאל בראָנשטיין**, סעקר. פּע״ן קלוב **י. פרידלאַנד**, רעד. „חשבון"

# אַריינגעקומענע ביכער אין דער רעדאַקציע

יעקב כהן: „דער גורל פונעם ייד" — ערב־חורבן־ראָמאַן. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, ישראל. פּיין געבונדן 158 ז"ז 1960. פון זעלבן מחבר אַכט אַנדערע אויסגאַבן, עסייען און דערציילונגען.

* * *

משה גלאַזער: „לוסטיק, לעבעדיק און פריילעך." אַ ניי ביכל לידער פאַר קינדער. פאַרלאַג „משה", 1960, ל. א. אילוסטרירט פון ב. מלחי.

* * *

נ. סיגאַלאָווסקי: „נאָכ'ן שטורעם" און אַנדערע געקליבענע דערציילונגען. אַרויסגעגעבן פון יידישן קולטור־ראַט, ראָטשעסטער, נ. י., 1958, 200 זייטן.

* * *

עליע ווערבלון: „לירישער טאָג־בוך" (לידער) פאַרלאַג „ווערבע" 142 ז"ז מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי, 1960.

* * *

מענדל אַקערמאַן: „אויסגעלאָשענע שטערן" — דערציילונגען, ערשטער טייל: בעסאַראַביע, מיין אַלטע היים; צווייטער טייל: מיין אַמעריקע. פאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס איירעס, 1960, 336 זייטן.

* * *

אָשר (חיים) שטשוטשינסקי: „אַ לעבן אויף הפקר" און אַנדערע דערציילונגען, פאַרלאַג „האַוואַנער לעבן", האַוואַנאַ, קובאַ, 1960 — 154 ז"ז.

* * *

בעריש ווײַנשטיין: יערלעכע אַנטאָלאָגיע פון לידער און פאַרשיידענע צייטשריפטן במשך דעם יאָר 1960. העפט 7, יאַנואַר 1961, ניו־יאָרק.

* * *

דוד סעלצער — „בילדער און געשטאַלטן פון סאָראָקי" — אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיש־פאָלקלאָריסטישע דערציילונגען. לייענען זיך מיט אינטערעס. צייכענונגען פון וו. גראָפער, פאַרלאַג וואַלדהיים, 1961, ניו־יאָרק 285 זייטן.

ב. דעמבלין: עס איז נאָר וואָס דערשינען אַ נייער ראָמאַן פון באַקאַנטן בעלעטריסט ב. דעמבלין, א.ב. „אויף אייגענעם באָראַט." אין דעם בוך שילדערט דער מחבר דאָס ברייטפאַרצווייגטע יידיש לעבן אין פוילן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. „אויף אייגענעם באָראַט" איז אַ זעלבסטשטענדיקער ראָמאַן און עס איז אויך גלייכצייטיק בוך צוויי פון דער טרילאָגיע „ערב נאַכט", וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריק קונה־שם געווען און איז פּרעמירט געוואָרן מיטן לאַמעד פּריז ווי דאָס בעסטע פּראָזע־ווערק אויף יידיש אין יאָר 1954. דאָס בוך „אויף אייגענעם באָראַט" האַלט איבער 380 זייטן, צו באַקומען אין ציק"א פאַרלאַג, אָדער ביים מחבר: ב. דעמבלין, 264 איסט בראָדוויי, אַפּט. 1506, ניו־יאָרק 2, נ. י.

* * *

יצחק נחמן שטיינבערג ע"ה — זיין גרויס ווערק; „דער מענטש — זיין וואָרט, זיין אויפטו" — אַרויסגעגעבן פון ד"ר י. נ. שטיינבערג בוך קאָמיטעט, ניו־יאָרק 1961, 760 ז"ז

* * *

הערש שוואַרץ: „היים־גרין־גאָלדענע" דערציילונגען — אַרויסגעגעבן פון מחבר אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, 1960, 272 זייטן.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„זיין", „אויפן שוועל", „איפסניי", קינדער צייטונג, „בטחון" ניו־יאָרק; „אילוסטריטע בלעטער", „דער שפּיגל" „שריפטן", „אַרגענטינער ביימעלעך", „דאָס פרייע וואָרט", בוענאָס איירעס; „פריילאַנד" פּאַריז; „די שטימע", „דער וועג", מעקסיקאַנער בלעטער, מעקסיקע; „אונדזער וועג", שיקאַגאָ; „היימיש", „פּראָבלעמען", „ידע עם", במת לפולקלור יהודי, תל אביב ישראל. „יידישע שטימע", וואַרשע, פוילן.

---

**אויפמערקזאַם אַבאָנענטן!** מיר בעטן אייך אונדז לאָזן וויסן ווען איר בייט אייער אַדרעס, אָדער ווען איר דערהאַלט נישט רעגולאַר דעם „חשובון."

---

## באַגריסונגען פון פריינט און מיטבויער צום 25טן יובל-נומער „ח ש ב ו ן“

פייגעלע און יוסף פּאַניטש
יעקב קאַטץ, שיקאַגע
בערטאַ ל. מילער, שיקאַגע
אַדעל אַלקאָן
פּעי און ישראל סאַפּיאַן
חבר גאַלפּערין
דזשעני און יוסף וויינמאַן
צילי און שלמה צוקערמאַן
ליזע און ווילי שאָר
דר. פּאַביוס בערמאַן
חבר און חברה ה. שטערנפעלד
יוסף און וועראַ גאָלדבערג
חבר משה קאַפּלאַן
חבר מאַקס לובין
חברה אַנאַ סאָלאָוו-בושעל
חברה נאַפּטאָלין
גאָסי און אַהרן אייעראָף
חבר און חברה ב. ווינער
חבר מאיר דראָזד
חבר און חברה מ. שיפּרים

חבר און חברה אייבראַמס
חבר און חברה פּ. ראַפּאָפּאָרט
חבר און חברה זיגמונט לעוו
חברה מילער
חברה לינע לאָגין
חבר משה פּעלאָה
חבר וויליאַם פרידמאַן
חבר ישראל גובקין
חבר און חברה יצחק מאַראָן
עמנואל פּאַפּע, מיאַמי, פלאָרידע
שרה רייזל בירנבוים, ניו-יאָרק
פּעסיע נאָוויק, שיקאַגע
מרדכי און שרה מעדאָוו
ווינדזאָר, קאַנאַדע
חברה שרה שפּרעכער
חבר און חברה ד"ר בענעש
חבר און חברה מרדכי מייזל
יידיש קולטור ווינקל, ל. א.
ה. לייוויק לייען-קרייז
וועניס, קאַליפ.

---

## דער קאָונסיל פון די לייען--קרייזן אין לאָס אַנגעלעס

באַגריסט האַרציק די דערשיינונג פון דעם יובל-נומער 25 „ח ש ב ו ן.“ במשך די עטלעכע יאָר וואָס „חשבון“ דערשיינט האָט ער פיל בייגעטראָגן צו דער חשיבות פון יידיש-געדרוקטן וואָרט אין לאָס אַנגעלעס. אונדזערע לייען-קרייזן זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז אַ יידיש ליטעראַרישער זשורנאַל זאָל דאָ דערשיינען און אָפּשפּיגלען די אַקטיוויטעטן פון די היגע קולטור אָרגאַניזאַציעס.

מיר באַגריסן די שרייבער-משפּחה אַרום דעם „חשבון“ און זיין רעדאַקטאָר, חבר י. פרידלאַנד. נעמט צו אונדזער באַשיידענעם בייטראָג צום פאָנד פון דער חשובער שריפט.

מיט קולטור גרוס,

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

---

**באַראַכאָוו-פּינסקי צווייג 22 ייד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד** באַגריסט דעם יובל-נומער 25 „חשבון“.

מ. האָפּמאַן, סעקרעטאַר

---

● צוליב טעכנישע סיבות זיינען ניט אַריין אין דעם נומער: גלאַנץ-לעיעלעס, שלמה שוואַרץ, ישראל גובקין און י. ראַשעל. וועלן אַריין אין קומענדיקן נומער.